# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 234 · פרשת ראה · תשפ"ד


כ"ו אב

# יומא דהילולא קדישא

## פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע



**מיט א טיפערן בליק:**
ערשטע חתונה אין קרית ברסלב



**קינדער בלעטל:**
נייע אפטיילונג - משפחת גליק



**בית פיגא:**
די נעגל וואסער געשיכטע

קרית ברסלב בלעטל

פרשת ראה תשפ"ד • 234

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069



איך האב דעם שער גן עדן! 4


מיט וועם טויש איך פעקל?! 31


סיום הש"ס הבחור אלי' לאנדא נ"י 50

4 פנינים
19 היכל הלכה
23 דעם רבינ'ס לעבנסגעשיכטע
34 שיעור אין גראמען
39 בית פיגא
41 קינדער בלעטל


## זמנים

פרשת ראה כ"ז אב

הדלקת הנרות.. 07:16
מוצאי שבת...... 08:46

מנחה מעריב שופטים.... 08:20





תקס"ב | תרפ"ח | תש"ט | תשכ"ח | תשמ"ה | תשס"א | תשפ"ה




# די ישועות פושקע

## וואס באגלייט אונז אין אלע דורות

די סגולה האבן מיר שוין פון יארן

רופט היינט דעם גבאי מיט אייער ברייטהארציגע שטיצע און זעהט ישועות

**347.466.2410**

אין יעדן דור טוט אונז די הייליגע רבי מאיר בעל הנס פושקע באגלייטן און ווען מ'דארף א ישועה איז רבי מאיר אייביג די אדרעסס. מאכט זיכער אז איר האט א פושקע אין שטוב, אין אפיס און אין קאר און פארזיכערט אייך מיט די שטערקסטע סגולה!

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

*sruliHeskel

**פנינים, פנינים...** עס איז דא אזויפיל צו שרייבן פון די ליכטיגע טעג און וואכן וואס מיר לעבן ברוך ה' מיט במחיצת דעם ראש ישיבה דורכאויס די זומער וואכן דא אין שטעטל, געניסנדיג פון די הערליכע שיעורים; דעם דף שיעור, די ליל שיעורים, די הערליכע מלוה מלכה'ס, די שיעורים אין ליקוטי מוהר"ן, די חינוך שיעורים, און אזוי ווייטער, מיר לערנען זיך אזויפיל שכל, אזויפיל מידות טובות, אזויפיל עצות אין עבודת ה', אזויפיל לימודים ווי זיך נישט צו פארלירן ווען עפעס גייט אנדערש ווי מ'האט געוואלט, זיך אומגיין מיט אנדערע בנחת ושלום, ועוד ועוד ועוד, איה סופר, איה שוקל, דאס אלעס אראפצושרייבן... אבער דער הייליגער רבי האט געזאגט: "אביסל איז אויך גוט..."

דעם פארלאפענעם דינסטאג פרשת עקב, ט"ז מנחם-אב האט דער ראש ישיבה געשריבן עטליכע מכתב יומי'ס, אין די צווייטע בריוו שרייבט דער ראש ישיבה איבער די שמחת הברית פון זיין אייניקל יחזקאל בן בנו הרב אלחנן חיים, דערנאך שרייבט דער ראש ישיבה איבער די ערליכע באשיידענע אידישע חתונה וואס איז פארגעקומען די נאכט אין די סקול בילדינג אויף 39 טשעסטנאט, און בכלל וועגן די געזונטע וועג ווי אזוי צו מאכן ערליכע אידישע שמחות.

ממש פארן ארויסשיקן די בריוו האט מיך דער ראש ישיבה געפרעגט אויב דער בריוו איז שוין געווארן ארויסגעשיקט, ווייל ער וויל נאך עפעס צולייגן, איך האב אים געזאגט אז עס איז נאכנישט געווארן ארויסגעשיקט און ער קען נאך צולייגן צום בריוו, למעשה האט דער ראש ישיבה געמאכט דעם צוגעלייגטן שטיקל פאר אן עקסטערע בריוו, אינעם ענין פון זען אז די ווייב זאל קענען קומען צו די פרויען צאמקום.

דער בריוו געפינט זיך אינעם קונטרס עצתו אמונה די וואך, קונטרס 360, אונטערן קעפל: "זע אז דיין ווייב זאל גיין צום פרויען צאמקום".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אינגעלייט ווייסן נישט ווי וויכטיג עס איז אז די ווייב זאל קומען צו די פרויען שיעורים, יעדער איינציגער אינגערמאן קען טרעפן א וועג ווי אזוי צו מאכן אז זיין ווייב זאל קומען צו די פרויען שיעורים, און איינמאל די ווייב קומט צו די שיעורים, וועט דאס העלפן אויף אלעס וואס פעלט זיך אויס, אלעס אויף וואס די ווייב דארף חיזוק; צניעות, שלום בית, חינוך, און וואס נישט", דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז אינגעלייט קומען אים דערציילן אז זייער ווייב דארף חיזוק אויף דאס און אויף יענץ, ווען זיי זעען ווען דערצו אז די ווייב זאל קומען צו די שיעורים - וואלט אלעס געווארן געסעטלט.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט: "דערצייל דיין מעשה..." וועל איך אביסל דערציילן ווי אזוי מיר זענען געהאלפן געווארן דורך די שיעורים פון דער ראש ישיבה, אין איינוועגס וועל איך שוין מיטן אייבערשטנ'ס הילף צופרידנשטעלן דעם עורך הבלעטל און די חשוב'ע ליינער וואס האבן געבעטן מיר זאלן ווייטער שרייבן פון די סיפור ההתקרבות.

איך וועל נישט שרייבן קיין לאנגע מגילות, נאר אויסשמועסן בעזרת השם בקיצור נמרץ די השתלשלות הדברים.

לצורך הענין וועל איך גיין אביסל פון היינט אויף צוריק, נעמליך, דאס וואס איז היינט זעלבסט פארשטענדליך אז אנשי שלומינו זענען אויף איין בלאט מיט זייער ווייב און קינדער לגבי די התקרבות צום הייליגן רבי'ן אין קהילת היכל הקודש, (איך רעד נישט פון די וואס לערנען און ווערן אויפגעהאדעוועט אין דער ראש ישיבה'ס מוסדות, איך רעד פון די וואס ווערן מקורב פון אינדרויסן פון די קהילה); הגם עס מאכן זיך שוועריקייטן, און ביי טייל מקורבים - שטארקע שוועריקייטן אין דעם פרט, אבער אין קאפ ווייסט מען אז מ'דארף זיין אויף איין פעידזש, אז נישט היינט - מארגן, אז נישט מארגן - איבערמארגן, מ'בעט דעם אייבערשטן אויף דעם, מ'בעט עצות און חיזוק אויף דעם, דער סוף פסוק איז, אז כדי צו מצליח זיין אין היכל הקודש - ווייסט מען אז מען דארף מען זיין אויף איין פעידזש מיט די ווייב.

דאס איז אמאל נישט געווען, וואס הייסט אמאל? פאר ס'איז געווען דער מושג פון 'א תלמיד פון דער ראש ישיבה', אזוי ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט פאר דער ראש ישיבה, אז מ'זעט אויפן פנים פון זיינע חתונה געהאטע תלמידים אז זיי זענען זיינע תלמידים.

איך האב ב"ה חתונה געהאט בשעה טובה ומוצלחת אנהויב יאר תשס"ח, אין שטאט קרית יואל, די בליק אין יענע יארן אויף ברסלב בכלליות און אויף היכל הקודש בפרטיות איז געווען זייער זייער פארשעמענד, די גאס האט נאך אנגעקוקט ברסלב'ע חסידים ווי ווילדע צעלאזטע הפקר'דיגע מענטשן, הגם עס זענען געווען ברסלב'ע חסידים וואס האבן זיך געקענט פארשלייערן אונטער א שלייער פון אן עובד וכדומה, אבער קיינעם האט נישט געשמעקט אז זיין זון אדער איידעם,

ברודער אדער שוואגער - זאל זיך אפיציעל אידענטיפיצירן מיט ברסלב, (גיין מיט תכלת, איז שוין אפגערעדט...)

על כל פנים, ווען עס האט זיך אנגעהויבן אנטפלעקן אז איך האב שייכות מיט ברסלב, איז עס געווען גאר א שווערע פיל אראפזושלינגען, די פחד פון דעם מושג 'ברסלב' איז געווען נורא נוראות, און דאס האט אויסגעקלאפט אויף יעדע טריט און שריט; לגבי לערנען דעם רבינ'ס/מוהרא"ש'ס ספרים אין שטוב, רעדן פון רבינ'ס עצות און לימודים אין שטוב, גיין דאווענען אין היכל הקודש, יעדע ריר איז געווען באגלייט מיט פחדים, ספיקות, בלבולים, אויפגעדרייטע קישקעס וכו' וכו', ווער רעדט נאך דאס פארן אויף אומאן, אוי איז דאס געווען שווער... מ'איז ממש געקראכן אויף די גראדע ווענט ביזן באקומען די הסכמה, ווייל ווי דער ראש ישיבה האט מסביר געווען, "אז א גאנץ יאר זיצטו אונטערן טיש, קיין ווארט רעדסטו נישט פון רבי'ן, דו ציטערסט צו דערמאנען דעם רבי'ן, פארוואס זאל דיין ווייב מסכים זיין זאלסט איר איבערלאזן ראש השנה און פארן אויף אומאן? זי ווייסט נישט וואס דו ווילסט פון איר..."

דאס באקומען א הסכמה צו קענען פארן אויף אומאן איז געקומען דורך רייסן קברים מיט אסאך טרערן אז מ'זאל זוכה זיין צו קענען פארן אויף אומאן, דורך פילע תחנונים און בקשות, הבטחות און מתנות, און פיל עגמת נפש, די שיחות חברים פון חמשה עשר באב און ווייטער איז געווען אויפצוקומען מיט עצות און טריקס ווי אזוי מ'קען קאנווינסן די ווייב אז זי זאלן מסכים זיין צו פארן אויף אומאן.

דאס האבן מיר - די דעמאלטיגע מקורבים אין היכל הקודש - געוויסט, אז מ'דארף רעדן שיין אין שטוב, מ'טאר זיך נישט טענה'ן מיט די ווייב, און די ווייב דארף אלס זיין גערעכט, עס האט אבער געפעלט דער ראש ישיבה'ס לימודים צו וויסן ווען און וואו דאס צו ניצן, ווי איין און ווי אויס.

נאך א יאר צוויי, ווען די תלמידים פון דער ראש ישיבה האבן אנגעהויבן חתונה האבן, און איך בין אויך געווען רעלאטיוו יונג, האב איך באמערקט אז ס'איז דא א נייע מושג אין היכל הקודש, נעמליך, מ'קען לעבן מאן און ווייב אויף איין פעידזש אין היכל הקודש, ביידע ווילן לעבן מיט די עצות, מיט די שכל, מיט די לימודים, און מ'לעבט אין גן עדן.

איך האב זיך דעמאלט נאכגעפרעגט ביי די חברים אין היכל הקודש ווי אזוי דאס ארבעט, ווי אזוי מ'קען מאכן אז די ווייב זאל מיטשטיין מיטן מאן, איז די ענטפער געווען אז מ'קען נישט אלעס האבן... מ'דארף זיין צופרידן אז די ווייב לאזט גיין צו די ליל שישי שיעורים פון מוהרא"ש, און אז מ'קען פארן אויף אומאן...

איך בין אבער נישט געווען צופרידן פון דעם ענטפער, איך האב געזען אז ביים ראש ישיבה איז די בילד אינגאנצן אנדערש, עס איז בוודאי יא דא און מ'קען עס באקומען...

דאס איז מיר געגאנגען בנפשו, וויסנדיג אז איך דארף קעמפן פאר מיין לעבן [ליין: בלייבן אין היכל הקודש], און איך מוז האבן א נארמאלע געזונטע פריילעכע לעבן, האב איך זיך אנגעהויבן צוצושארן צום ראש ישיבה שליט"א, וואס האט רחמנות געהאט אויף מיר און אויף מיין נשמה, כפה פרשה לעני וידי' שלחה לאביון, ער האט מיך אנגענומען אלס תלמיד כאטשיג וואס איך האב נישט געלערנט ביי אים אין ישיבה, און געלערנט מיט מיר און מיין ווייב די שיינע וועג פון היכל הקודש, די שיינע וועג ווי אזוי צו לעבן מיט די עצות פון מוהרא"ש - מאן און ווייב אינאיינעם.

דאס איז צושטאנד געקומען דורך די פרויען צאמקומען וואס זענען פארגעקומען אויף פארשידענע וועגן, די אומאן פארברענגן און שלום בית שיעורים פון דער ראש ישיבה, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה'ס דרשות דעמאלט איז געווען אז די מושג "מיין מאן איז ברסלב" - איז נישט ריכטיג, די נוסח דארף זיין "מיר זענען ברסלב", דער ראש ישיבה האט אזוי שיין גערעדט צו די עזרת נשים, אז עס איז נישטא וואס זיך צו שעמען מיט ברסלב, און דער ראש ישיבה האט אויפגעבויט די גייסט פון אנשי שלומינו און נשות אנשי שלומינו ביז עס איז געווארן וואס איז געווארן...

(איך געדענק נאך איינע פון די שטארקע זאצן וואס דער ראש ישיבה האט דעמאלט גערעדט, ער האט געזאגט אז עס איז דא א געוויסע קהילה וואו מען פירט זיך אז מ'נוצט נישט קיין פלעסטיק אויף די טלית בייטל, שבת טיש וכדומה, האט דער ראש ישיבה דערציילט אז איינער פון זיינע קרובים פירט זיך לויט דעם מנהג, און נאך זיין חתונה האט ער ערקלערט פאר זיין ווייב אז אין דעם הויז גייט מען נישט נוצן קיין פלעסטיק טישטוכער וכו', און דאס איז זייער פארשטענדליך, טא פארוואס איז ברסלב-היכל הקודש אנדערש? מיר האבן אונזערע מנהגים, רעדן צום אייבערשטן, פארן אויף אומאן, זיין פריילעך וכו', וואס איז דא זיך צו שעמען און זיך באהאלטן אונטערן טיש...?)

ווי אויך זענען געווען שיינע מלוה מלכה'ס פאר די דאן קליינע און שיינע חבורה פון די תלמידים פון דער ראש ישיבה, מ'האט זיך איינגעטיילט מיטן מאכן די מלוה מלכה'ס ביי די חברים, אויב געדענק איך גוט איז די ערשטע מלוה מלכה פארגעקומען ביי אונזער טייערער גבאי פון שטעטל און עורך הבלעטל ר' אברהם הערש הי"ו אין זיין הויז אויף די צפת גאס אין די עצי תמרים געגנט אין קרית יואל, ווי אויך זענען מיר זיך צאמגעקומען אין שטוב פון ר' יחזקאל סאמעט הי"ו, ר' יואל וועבערמאן הי"ו, ר' שבתי מזרחי הי"ו, ר' יואל מענדלאוויטש הי"ו, אין שטוב פון אני הקטן אויף 8 העיס קארט, אויפן זעלבן שטאק פון בית המדרש היכל הקודש (אגב, דאס איז אן עקסטערע סיפור פאר זיך, מיר האבן געדארפט מופן צו אן אנדערע דירה, אנהויב תשע"ב, און די דירה אויף 8 העיס קארט איז געווען איינע פון די אפציעס, מיר האבן אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט און אינצווישן איז געווען ראש השנה און איך האב זוכה געווען צו זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן, דארט אין אומאן האב איך דערציילט פאר דער ראש ישיבה אז מענטש זאגן אונז היתכן מיר האבן געסיינט קאנטראקט אויף די דירה, עס איז וואנט צו וואנט מיט א בית המדרש, עס איז נישט אזוי געשמאק צו וואוינען דארט... אפשר זאלן מיר נאך צוריק ציען וכו', האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט, איך זאל נישט צוריק ציען, און מיין ווייב וועט אם ירצה ה' מקורב ווערן וואוינענדיג דארט, פקידתו שמרה רוחי, און אזוי ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט אזוי איז געווען, ב"ה).

אן אינטערעסאנטע אנעקדאט געדענק איך פון איינע פון די מלוה מלכה'ס בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט"א, (לכאורה איז דאס געווען ביי ר' שבתי מזרחי אין שטוב), ווי איינער פון די חברים האט דערציילט פאר דער ראש ישיבה אז ער האט א מעשה פון תפילה, ער האט געוואלט זיין ווייב זאל פיצן די זילבער, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן און זיין ווייב האט טאקע געפיצט די זילבער, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז ס'איז זייער א שיינע זאך צו בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס מ'דארף, אבער ווען מ'וויל די ווייב זאל פיצן די זילבער קען מען איר שיינערהייט בעטן...

דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט אז מ'דארף רעדן, נישט זיך פארשטעלן אז די מאן/ווייב ווייסט אליינס וואס מ'וויל וכו', דער ראש ישיבה האט דעמאלט אויך דערציילט אז א פרוי האט אים דערציילט אז איין טאג איז איר מאן אהיים געקומען און זיך גענומען האקן די טירן פון די קעבינעטס וואס איז געווען אביסל אפן, דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט דעם אינגערמאן, הערן פון אים וואס די מעשה איז, האט דער אינגערמאן געזאגט אז זיין ווייב איז נישט אזוי פינקטליך און אסאך מאל לאזט זי אפן די טירן פון די קעבינעטס אין קיך, און ער ווערט זייער נערוועז דערפון, און יעצט האט עס געפלאצט, ער איז אהיים געקומען און ער האט געזען די אפענע טירן האט ער זיך גענומען דאס צוהאקן... האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז מ'רעדט וואס מ'שפירט, צוםביישפיל, אז עס באדערט ווען מ'לאזט אפן די טירן, קען מען פארמיידן די ווילדע אויסברוכן..

איך האב געזען באשיינפערליך ווי נאך יעדע שיעור פונעם ראש ישיבה, און נאך יעדע צאמקום ווי מ'האט גערעדט און געשמועסט פון דער ראש ישיבה'ס שכל און הדרכה, איז געווארן מער און מער א קירוב לבבות, און די גאנצע בליק אויף ברסלב, אומאן, מוהרא"ש איז געווארן מער און מער פאזעטיוו - - - ביז ווי מיר האלטן היינט ב"ה, אז מיר וואוינען אין קרית ברסלב ליבערטי, און אונזערע קינדער ווערן נתחנך אין דער ראש ישיבה'ס מוסדות, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער

*

מבשרי אחזה, און נאך אסאך קענען מעיד זיין, אז מיטן העלפן די ווייב זאל קענען גיין צו די פרויען צאמקום קען מען זיך שפארן אסאך שוועריקייטן און עגמת נפש ברוחניות ובגשמיות, פיזיש און גייסטיש, און מדה טובה מרובה מ'קען מקיים זיין דעם רבינ'ס דיבור: "איך זאלט מאכן אייער ווייב פאר חסידות'טעס..." און "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון"; אריינברענגען דעם רבי'ן אין די ווייב און קינדער.

מוצאי שבת נחמו האט דער ראש ישיבה זייער שיין ארומגערעדט בענין די נחמה מיט וואס דער אייבערשטער טרייסט אונז, דאס מיר האבן זוכה געווען צום הייליגן רבינ'ס עצות און לימודים, המנח"ם הכל ומשמ"ח הכל. בשעת'ן זאגן די הפטורה האט מיך געכאפט דעם פסוק (יג): "וְאִי"שׁ עֲצָת"וֹ יוֹדִיעֶנּוּ", אז די הייליגע ספרים איש אמונות און עצתו אמונה זענען אונז מנחם און משמח, און געבט אונז האפענונג אנצוקומען צו אלעס וואס מיר דארפן, און אלעס צו פאררעכטן

## כ"ו אב - יארצייט פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע

דעם פרייטאג געפאלט אויס די יארצייט פון הרה"ק

מסאטמאר זכותו יגן עלינו, וועלן מיר בעזרת השם שרייבן אפאר שיינע עובדות וסיפורים פון האי גאון וצדיק, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

איינמאל האט דער ראש ישיבה גערעדט בשבח פון די ברייטקייט פון דער רבינו הקדוש מסאטמער זכותו יגן עלינו, אז אין סאטמאר איז נישט געווען די הנהגה פון נישט לערנען געוויסע ספרים צוליב מחלוקת אדער אנדערע סיבות, אזוי ווי עס איז דא געוויסע חצירות וואו מ'לערנט נישט געוויסע ספרים צוליב פארשידנארטיגע סיבות.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט גע'עצה'ט איינער פון די מקורבים זיך צו קובע זיין א שיעור אין ספר דברי תורה פון הרה"ק דער מונקאטשער רב זכותו יגן עלינו, בעל מנחת אלעזר, און דער ראש ישיבה האט מורא'דיג מפליא געווען די ספרים פון מונקאטשער רב, פון שער יששכר רעדט מען נישט, ווי שיין און ברייט דאס איז, נאר אפילו דער ספר דברי תורה, וואס איז א גרינגע ספר, איז אזא שטארקע חיבור, אזא ברייטע היקף.

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דער ספר דברי תורה הויבט זיך אן מיטן א ציטאט פון ספר שיחות הר"ן פון הייליגן רבי'ן, און אין נאך א פלאץ ברענגט דער מונקאטשער רב צו דעם הייליגן רבי'ן.

על כל פנים, האט דער ראש ישיבה דערציילט אז דער אינגערמאן האט אים געזאגט אז אין זיין קרייז לערנט מען נישט דעם מונקאטשער רב'ס ספרים, און עס איז אים זייער שווער דאס צו פאלגן, אבער אז דער ראש ישיבה האט אים גע'עצה'ט דאס צו לערנען, וועט ער דאס לערנען. האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז אין סאטמער איז דאס נישטא, דער רבי זכותו יגן עלינו האט געלאזט לערנען אלע ספרים.

אין קונטרס מסעות ישעי', שרייבט הרה"צ רבי ישעי' גרויס מקערעסטיר בערבעשט זכרונו לברכה, אז ווען דער רבי זכותו יגן עלינו איז געווען אין ארץ ישראל תשט"ו, האבן אים אסאך מענטשן געגעבן ספרים אלס א מתנה, דער רבי האט נישט געהאט קיין צייט צו באקוקן די ספרים, אויף די שיף האט ער געהאלפן פארן רבי'ן אויסצופאקן די ספרים, צווישן די ספרים איז געווען א ספר "שערי גן עדן", אויף די כוונות האר"י, און דער ספר האט געהאט א זיגל פון דעם רבינ'ס ברודער, הרה"ק דער בעל עצי חיים זכותו יגן עלינו, השם ינקום דמו, ס'איז אויך געווען אריינגעקלעבט א קוויטל פון דער וואס האט דאס געגעבן פאר א מתנה, האט דער רבי אים געזאגט, צוויי מאל: "איך האב דעם שער גן עדן, איך האב דעם שער גן עדן", נאכדעם האט זיך דער רבי צוריק געכאפט און געזאגט: "איך מיין דעם ספר שער גן עדן".

על כל פנים זעען מיר פון די מעשה אז די צדיקים האבן דעם שער גן עדן, זיי לעבן שוין אין גן עדן אויף די וועלט, זיי דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, און האבן נישט ח"ו קיין קשיות אויפן אייבערשטן, און דאס ברענגען זיי אריין אין זייערע תלמידים.

*

ער ברענגט אויך אינעם ספר הנ"ל, אז דער רבי איז אוועקגעפארן פון ארץ ישראל מיטוואך פרשת עקב, חמשה עשר באב, עס האבן זיך פארזאמלט א ריזן עולם באגלייטן דעם רבי'ן, און מ'האט געזינגען און געטאנצן, און ווען די שיף האט זיך שוין אנגעהויבן צו רירן האט מען געווארט אז דער רבי זאל עפעס זאגן, ער זאל איבערלאזן אביסל דברי ברכה, און דער רבי האט אנגעוואונטשן שטילערהייט "א כתיבה וחתימה טובה"; אזוי ווי דער ראש ישיבה האט דערמאנט אין די בריוון אז פון חמשה עשר באב וואונטשט מען זיך שוין "כתיבה וחתימה טובה".

אגב, דער ראש ישיבה ברענגט דאס פונעם מונקאטשער רב זכותו יגן עלינו אין זיין ספר שער יששכר. איז אינטערעסאנט נאכצוברענגען אז דער ווארט שטאמט גאנץ מעגליך פונעם שווער פונעם מנחת אלעזר, הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא זכותו יגן עלינו. אין קובץ הבאר, חודש כסליו שנת תרצ"ח שרייבט איינער אז ער האט געהערט פון הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא זכותו יגן עלינו, אז ער האט מקבל געווען פון זיין זיידן מטשערנאביל, וואס האט מקבל געווען פון בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, וואס האט דאס מקבל געווען פון זיין רבי אחי' השילוני, אז לויט וויפיל מאל מען וואונטשט זיך איינער דעם צווייטן פון חמשה עשר באב "א כתיבה וחתימה טובה", לויט דעם מספר וועט מען האבן מליצים טובים אין הימל אין די טעג פון ראש השנה וואס וועלן מלמד זכות זיין אויף אים, און דער קאמארנער פירט אויס: "און איך האב צוגעלייגט אז 'חמשה עשר באב' באטרעפט 'כתיבה וחתימה טובה'".

א כתיבה וחתימה טובה!

# היכל הקודש
# נייעס




## אלוועלטליך

## אנשי חיל קאמפיין אדורך מיט סוקסעס

אנשי שלומינו תלמידי וחסידי ברסלב האבן באוויזן נאכאמאל די גרייטקייט ארויסצוהעלפן די קהילה - וואס איז בנשיאות דעם ראש ישיבה שליט"א - מיטן יערליכן קאמפיין, און מיט דעם וועט מען ווייטער קענען בויען די הייליגע קהילה און מוסדות.

די קהילה קדושה היכל הקודש בנשיאות דעם ראש ישיבה שליט"א איז פון די שנעלסטע וואקסנדע חרדישע קהילות אין די וועלט, עס גלייבט זיך שווער ווי אין בלויז עטליכע יאר איז זיך די קהילה צוואוקסן צו א גלאבאלע אימפעריע פון תורה וחסידות.

די קהילה שטעלט צו אלעס וואס מען דארף צו האבן צו קענען דינען דעם אייבערשטן און ערציען די ווייטערדיגע דורות אויפן זעלבן וועג וואס די פריערדיגע צדיקים האבן אונז אויסגעטרעטן. די קהילה פארפיגט היינט אין פילע לענדער איבער די וועלט, עס איז אומגלויבליך צו ליינען די קהילה אין נומערן. צענדליגע איבער די וועלט טראגן מיט שטאלץ דעם נאמען "היכל הקודש", זעקס שטעט האבן די זכי' צו פארמאגן חדרים און מיידל שולעס פון "היכל הקודש" ווי עס ווערן נתחנך הונדערטער תלמידים ותלמידות. דער ראש ישיבה שליט"א פירט היינט צו טאגס דריי ישיבות ווי די בחורי חמד זענען זיך משלים בתורה ויראת שמים אונטער די שטענדיגע הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א. אויף זומער פארמאגט די קהילה 2 קעמפס, מחנה אילן החיים פאר די אינגלעך און בחורים, און מחנה בית פיגא פאר די מיידלעך.

בפרט איז צום שטוינען ווי אין בלויז דריי יאר האט די קהילה אהערגעשטעלט א הערליכע נייע גאנץ יעריגע שטעטל אין די קעטסקילס ראיאן "קרית ברסלב" אין ליבערטי וואו עס וואוינען שוין איבער הונדערט און פופציג משפחות צושפרייט אין צענדליגע גאסן אין "אכט" שיינע שכונות, יעדע שכונה פאר זיך האט א שול מיט א מקוה. דאס איז אויסער צוויי מקוואות טהרה, א כולל פאר אינגעלייט, און אלע עמוירדזשענסי און חסד ארגאניזאציעס מיט וואלונטירן וועלכע שטייען גרייט צו העלפן יעדע איינוואוינער אדער באזוכער און סיי וואספארא מצב.

יעצט ווען דער יערליכער קאמפיין פאר די מוסדות האט זיך געשלאסן, האט זיך ארויסגעוויזן די געוואלדיגע הכרת הטוב וואס אנשי שלומינו האבן צו דעם פלאץ וואס העלפט זיי א גאנץ יאר. אלע האבן געעפן די קרובים, חברים, און שכנים און זיי אנגעוואורעמט די הערצער זיי זאלן צוהעלפן און אראפ שטעלן א שטארקע פינאנציעלע יסוד אז די הייליגע מוסדות זאלן ווייטער קענען וואקסן און בליען.

עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען אז נישט אלץ קען מען זען די כוחות וואס מ'האט אריינגעלייגט, ווייל אסאך מענטשן רופט מען און הייבן נישט אויף, און אפילו מען הייבט אויף איז דא אסאך וואס קענען נישט געבן, קומט אויס אז אסאך צייט איז אוועקגעגאנגען פאר די אלע טעלעפאן רופן וואס האט למעשה נישט געברענגט קיין געלט, אבער די מצוה דערפון איז אוועקגעלייגט לנצח נצחים.


Tiny bows.™
for tiny toes.
Cuddle your bundle with cozze.
dominogrp.com
babydoll
Boutique
929.210.1150 / Call for appointment

גרשון קרעמער



# אוקריינע אינוואדירט רוסלאנד

עס קען זיין אז איר וואונדערט זיך צווייפאכיג ווען איר זעט דעם קעפל, די מלחמה צווישן אוקריינא און רוסלאנד איז אלטע נייעס, און אויב מען שרייבט וועגן דעם, איז דער קעפל לכאורה א טעות, "רוסלאנד אינוואדירט אוקריינא"...

אבער ווער עס האט מיטגעהאלטן די נייעס אין די לעצטע וואכן ווייסט אז עס איז שוין גאר שטארקע נייעס, און טאקע יא דאס, אוקריינע האט זיך ארויסגעלאזט אין א דערוויילע סוקסעספולע אפענסיווע ווי זיי האבן זיך אריבערגעריסן מיט א שטארק ארמיי דעם רוסישן גרעניץ אריין אין "קורסק" ראיאן אין רוסלאנד וואס גרעניצט זיך מיטן "סומי" ראיאן אין אוקריינע.

ווי עס שיינט זענען די רוסן געכאפט געווארן אין א געוצליכן שאק, ווען אוקריינע מאכט גאר גרויסע פארשריט און נעמען איין ריזיגע שטחים, און באווייזן צו פאנגען הונדערטער רוסישע זעלנער און פארניכטן פילע צענדליגע רוסישע טאנקען און עראפלאנען.

עס איז זייער אומקלאר פאר אנאליסטן וואס דער ציל פונעם נייעם אפענסיווע, מען שפעקולירט עטליכע זאכן, צום ערשט ווילן זיי מעגליך דערמיט צווינגען רוסלאנד אוועקצונעמען כחות פון די שטחים וואס זי האט שוין פארכאפט פון אוקראינע, און אוקראינע האפט דערמיט צו קענען ארויסשטופן רוסלאנד פון זייער לאנד.

אדער ווילן זיי פשוט א מאראלישע שטופ, נאכדעם וואס רוסלאנד האט אין די לעצטע חדשים געמאכט פאמעליכע אבער כסדר'דיגע פארשריט איינעמענדיג שטעטל נאך שטעטל אינעם דאנעצק פראווינץ פון אוקריינע. טייל האלטן אז אוקריינע האט געלייגט אן אויג אויף א רוסישע נוקלעארע רעאקטאר וואס איז נישט ווייט פון דארט וואס אוקריינע וויל צונעמען פון רוסלאנד אלץ א קאנטער געוויכט צו צווינגען רוסלאנד זאל מוזן צוריק געבן פאר אוקריינע דעם זאפאריזשע רעאקטאר.

וויאזוי עס זאל נאר נישט זיין קענען מיר זען דערפון וויאזוי א מלחמה גייט צו, וואס דאס וועט אונז העלפן פייטן אונזער פערזענליכע מלחמה וואס מיר דארף פירן קעגן דעם סמ"ך מ"ם. עס פאסירט כסדר אז א מענטש שפירט ווי זיין מאראל פאלט, ער זעט ווי דער סמ"ך מ"ם כאפט אוועק פון אים יעדן טאג גאנצע שטיקער טעריטאריע, און ער הייבט אן צו שפירן אז זיין געווער נוצט זיך אויס, עס דאכט זיך אים אז אויב גייט עס ווייטער אזוי איז ער באלד אינגאנצן באזיגט און דער יצר הרע נעמט אים גענצליך איין.

עס איז באקאנט די מעשה פון א אלטע אלמנה וואס איז געקומען פארקויפן עפל אויפן מארק און עטליכע צולאזטע גויים זענען איר איבערגעפאלן און אנגעהויבן צו כאפן עפל. די אלמנה האט זיך גענומען פאניקן און וויינען, דער הייליגער בארדיטשובער איז פונקט דאן דורכגעגאנגען, האט ער געזאגט פאר די פרוי: "יעצט איז נישט קיין צייט צו וויינען, אז יעדער כאפט, כאפ דו אויך". דאס זעען מיר איז אן אפעקטיווע מיטל ביי א מלחמה, אוקריינע האט געזאגט: "נישטא קיין צייט יעצט פאר קיין מרה שחורה, אז רוסלאנד כאפט, כאפ איך אויך."

און דאס וועלן מיר אויך טון יעדן טאג, ווען מיר זעען אז דער סמ"ך מ"ם האט אוועקגעכאפט פון אונז א דאווענען, א כעס, א ראי' אסורה, קען מען יעצט נישט אויפגעבן, איך וועל יעצט געבן איין קוק ווייניגער, איך לויף דאווענען מנחה, איך גיי יעצט זיין פריילעך אפילו נאר פאר איין מינוט.

**לאכן לאכט דער וואס לאכט צום לעצט!**



# וועטינג מארקעט הייבט די שאנסן פאר טראמפ קעגן העריס

אין די אלגעמיינע וועלט איז דא א מארקעט וואס רופט זיך די וועטינג ("בעטינג" אויף ענגליש) מארקעט, דאס איז א פלאץ ווי מענטש אינוועסטירן געלטער וואס זיי גייען פארדינען (אדער פארלירן) אויב עס פאסירט אזוי ווי זיי זאגן אדער נישט.

אין די צייטן ווען עס ווערט הייסע פאליטישע נייעס זעט מען זייער שטארק אן ווי די וועטינג מארקעט לויפט ארויף אדער אראפ, אסאך מענטשן בויען שטארק אויף דעם ווער עס וועט געווינען אדער פארלירן אן עלעקשאן, געוואנדן לויט וויפיל מענטשן וועטן וואס עס וועט פאסירן. עס איז א געוואלדיגע וואונדער צו זען ווי מיליאנען גויים אינוועסטירן זייער שווער אפגעהארעוועטע געלטער אין אזא צווייפלהאפטיגע געשעפט

לויט די וועטינג מארקעט זענען די שאנסן פון העריס צו געווינען אסאך בעסער ווי פון ביידענ'ס, אבער אין די לעצטע טעג האט זיך די שאנסן פון טראמפ ווידער געהויבן א משהו העכער העריס. עס איז באמת א וואונדער ווי מענטשן זענען גרייט צו פארלירן זייער אפגעשפארטע פאר דאלער נאר כדי צו צוזאגן אז דער גוי'ט געווינען אדער פארלירן.

עס איז שוין געווען זייער אסאך מאל ווי לויט די מארקעט איז איינער געווען א זיכערע געווינער אדער פארלירער, אבער האט זיך אויסגעשטעלט אנדערש, און צענדליגע מיליאנען דאלארן זענען פארלוירן געווארן אינעם נארישן משחק בקוביא שפיל.

עס איז אזא שאד צו אינוועסטירן דאס געלט דארט בשעת יעצט איז דא א זיכערע אינוועסטמענט ווי מען קען אריינלייגן דאס געלט. די מוסדות פון ראש ישיבה שליט"א זענען טאקע זייער מצליח מיט סייעתא דשמיא, מען לערנט מיט די קינדער אמונה, און מען גרייט זיי צו צום לעבן, עס ווערן געבויעט פילע בנינים פאר די חדר, שולע, ישיבה, בתי מדרשים, מקוואות טהרה און אלע אנדערע ציבורישע געברויכן, אבער מען פלאגט זיך מיט געלט, פילע פראיעקטן פון די קהלה ווארטן אויף פרישע געלטער עס צו קענען אויספירן מכח אל הפועל.

דערפאר איז געווען זייער שיין צו זען ווי אידן האבן געהאט שכל און געגעבן יעצט זייער געלט פארן ברסלב'ן קאמפיין, צושטייער געגעבן פאר א צדקה וואס איז א זכות וואס בלייבט אויף אייביג.

אפילו יעצט וואס די קאמפיין האט זיך טאקע געענדיגט, קען מען נאך אלס האבן די זכי' צו געבן צדקה פאר דעם הייליגן צוועק, פאר די מוסדות, פאר די כולל, פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, פאר די בית התבשיל, פאר די רענט קאמפיין, און אזוי ווייטער אלע צדקה צוועקן וואס מיר האבן אין די קהילה.

ס'איז דא מענטשן וואס זוכן אלץ צו אינוועסטירן זייער געלט אין א פרישן דיעל, אדער אין אנדערע פלעצער וואו מען קען אינוועסטירן, יעדן טאג פרובירט מען צו טרעפן עפעס א פרישן פלאץ וואו מען קען אריינלייגן די אפגעשפארטע געלט.

די בעסטע פלאץ צו אינוועסטירן איז ביי א פלאץ ווי אידישע קינדער לערנען און דאווענען, דאס קען דיר קיינער נישט צונעמען, עס וואקסט יעדן טאג מער און מער, ווען דו וועסט אנקומען אויבן אין הימל וועסטו עסן די פירות דערפון, עס וועט דיר אנטקעגן קומען.

**תורה און תפילה איז יא!**

# מעשיות פון תפילה



## משה מאסרי

קרית ברסלב

מיין טעלעפאן האט אנגעהויבן מאכן קונצן, ס'איז נישט ארויסגעגאנגען די טעקסט מעסעדזשעס וואס איך האב ארויסגעשיקט. איך האב אריינגערופן די טעלעפאן קאמפעני, אבער נאך אלעס האבן זיי גארנישט געקענט ארויסהעלפן צו פארריכטן די פראבלעם.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די טעלעפאן זאל אנהייבן צוריק ארבעטן נארמאל, אויך האב איך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה אינעם בלעטל. וואונדער איבער וואונדער, שכח אייבערשטער די טעלעפאן האט אנגעהויבן ארבעטן ווי ס'וואלט קיינמאל גארנישט געווען.

## ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

1. איך בעט שוין א לאנגע צייט דעם אייבערשטן פאר א נייע רעקל, נאכדעם וואס די אלטע איז שוין געווען אפגעריבן.

איין טאג האב איך געזען א צעטל אז ס'גייט פארקומען א גרויסע אויספארקויף פאר רעקלעך און דאס גלייכן פאר גאר ביליגע פרייזן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דארט טרעפן א פאסיגע רעקל פאר מיר.

איך בין אנגעקומען ממש ווען זיי האבן געעפנט די סטאר, און איינע פון די ארבעטערס האט מיר אנגעוויזן וואו צו זוכן א רעקל וואס איז פאסיג פאר מיין מָאס. שכח אייבערשטער איך האב געטראפן דארט א פיינעם צוגעפאסטן רעקל.

אבער איך האב אויך געדארפט א וועסטל, וואס ס'איז נישט מיטגעקומען מיטן רעקל וואס איך האב גענומען. אין די זייט האב איך געזען א פלאץ פון אסאך וועסטלעך, איך בין

אהינגעגאנגען זוכן, אבער למעשה האב איך נישט געטראפן א פאסיגע וועסטל פאר מיר.

איך האב מיך נישט מייאש געווען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א וועסטל, פלוצלינג האב איך באמערקט ביי איין ווינקל ליגט רעקלעך צאמגעווארפן אן קיין פרייזן, איך האב זיך אביסל אומגעקוקט דארט און באמערקט וואס איך זוך, איך האב באצאלט דעם שפאט ביליגן פרייז און ארויס פון דארט פריילין נאכן זען אז דער אייבערשטער העלפט מיר אין יעדן מצב.

2. איין שבת בין איך אויפגעשטאנען אביסל שפעט, איך בין גלייך געלאפן אין שול, אויפן וועג צום שול גיי איך געווענטליך אין א געוויסע מקוה, אבער יעצט אין אזא שפעטע שעה איז עס שוין געווענליך צוגעמאכט, אבער נאך אלץ האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל יא זיין אפן, אפילו ס'איז א זאך וואס פאסירט נישט, ווייל די טיר מאכט זיך צו אטאמאטיש.

איך קום אן אהין צום מקוה און איך זע אז די לעקטער פון די פלאץ האט געקראכט, וואס מיינט צו זאגן אז די טירן זענען אפן, שכח אייבערשטער (פארשטייט זיך אז מ'גייט נאר אין מקוה מיט רשות).

3. יעצט ביים יערליכן אנשי חיל קאמפיין האב איך זייער שטארק געוואלט אריינברענגען אסאך געלט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מצליח זיין אויפצוקומען מיט פינף טויזנט שקל. שכח אייבערשטער אז איך האב עס באוויזן.

## אייזיק אפפעל

קרית ברסלב

ערב שבת האט מען באמערקט אז די וואסער אין ילד שעשועים (קימפעטארין היים) האט אויפגעהערט ארבעטן, ס'קומט נישט קיין וואסער, וואס טוט מען דא?

מ'האט אנגעהויבן זוכן די פראבלעם פארוואס ס'קומט נישט קיין וואסער, ביז מ'האט אויסגעפונען אז די וואסער ביל איז פשוט נישט געווארן באצאלט אין צייט, וועגן דעם איז נישט דא קיין וואסער.

מ'האט גערופן צו באצאלן, אבער זיי האבן געזאגט אז לכאורה וועט עס שוין נישט ווערן צוריק געעפנט היינט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל יא געשען היינט, איך דארף האבן וואסער פאר די טייערע קימפעטארינס.

שכח אייבערשטער אז זיי זענען יא געקומען עפענען די וואסער פאר שבת.

## א מאטאריסט

מאנס

איך בין געפארן אויפן וועג, איך האב געגעסן א געוויסע עסן וואס איך טאר נישט עסן, איך האב אן עלערגיע צו דעם, איך האב געטראכט צו פארן נאך ביזן עקזיט, אבער איך האב נישט געקענט אנציען ביז אהין, איך האב זיך גלייך געשטעלט אין די זייט און גערופן הצלה.

ביז דערווייל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל ווי אמשנעלסטן ווערן אויסגעהיילט דערפון, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז זיי זענען גלייך אנגעקומען און געגעבן בענעדדריעל, און ברוך השם אלעס איז געווארן בעסער

נאכדעם האבן זיי מיר אויסגעפרעגט (זעט אויס דאס איז די געזעץ) אויב איך כאפ אסאך מאל פאניק אטאקעס, ווייל זיי האבן געוואלט קלאר מאכן אויב דאס קומט גאר פון דעם, און נישט פון די עלערגיע.

איך האב זיי פרובירט צו מסביר אז ס'קען זיך מאכן ביי מיר אז איך כאפ פאניק אטאקעס, דאס איז ווען איך פארגעס פונעם אייבערשטן, ווען איך רעד נישט צו אים קען איך כאפן געפערליכע אטאקעס... אבער זיי האבן נישט געהעריג געכאפט וואס איך מיין צו זאגן.

שכח אייבערשטער אז איך ווייס פון תפילה.



# אִיךְ פַאל בְּסֵדֶר, זָאל אִיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

מַיין יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וְוִיפִיל מָאל אִיךְ זָאג צוּ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווּאוֹיל, פַאל אִיךְ וַוייטֶער צוּרִיק אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק זַיין מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִינֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵק זַיין.

יֶעצְט וֶוען מֶען דֶערְנֶעְנְטֶערְט זִיךְ צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אוֹיךְ דָארְט וֶועט זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, אוּן אִיךְ וֶועל נָאר זוּכְן וואוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל פָארְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן צוּרִיק קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

וִויל אִיךְ וִויסְן צִי אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"וּ אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.



אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין פְרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי מְתַקֵן זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן". רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין א גאנץ יאר, "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר;** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי אִמָהוֹת - שָׂרָה אִמֵּנוּ, רָחֵל אִמֵּנוּ אוּן חַנָה נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אִיז דָאס אַ צַייט פַאר אוּנְז אַלֶע אוֹיס צוּ פּוֹעֵלְ'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן צוּ שֶׁעפְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. חַנָה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר וַוייל זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל-א א, יב): "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'", חַנָה הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְ'ן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹסֵף הַצַּדִיק אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; אִיז דָאס אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס וַוארְפְן אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין תְּפִיסָה.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; דֶערְפַאר קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

קוּם קַיין אוּמַאן, דָארְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן וֶועסְטוּ פּוֹעֵלְ'ן דַיין שִׁידוּךְ; דָארְט **בַּיים צִיוּן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן תִּיקוּן הַמַּעֲשִׂים.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# מיליאנען קאלירן אינעם פרינטער

## שאלה

*איך פארמאג א קאלער פרינטער, און איך וואונדער מיך וויאזוי מען קען באקומען מיליאנען קאלירן, בשעת איך לייג אריין דערין בלויז פיר קאלירן טינט.*

*נחמן נתן*

## ענטפער

א קאלער פרינטער נוצט די פיר קאלירן וואס מען רופט CMYK, דער C שטייט פאר Cyan "סייען" (וואס איז א ליכטיג הימל בלוי), דער M שטייט פאר Magenta "מאדזענטע" (וואס איז א רויטלעך-פינקע קאליר), דער Y באדייט Yellow (געל) און דער K איז פאר Black (שווארץ). דער פרינטער קאמבינירט די דריי אויבנדערמאנטע קאלירן אין פארשידענע מאסן, צוזאמען מיט שווארצע טינט צו שאפן מיליאנען סארטן קאלירן.

די פרינטער קען ארויסגעבן די אלע קאלירן דורך מישן די קאלירן אין פארשידענע וועגן. צום ביישפיל, דורכן מישן די C מיט'ן M וועט מען באקומען פילע סארטן בלוי און פורפל. C און Y וועט געבן פילע סארטן גרין, M מיט Y וועט ארויסגעבן די רויט-אראנדזש משפחה. אויב מען מישט אלע דריי צוזאמען וועט עס ארויסגעבן ברוין און אנדערע טונקעלע קאלירן. דער שווארצער טינט ווערט צוגעלייגט צו באררייכערן די בילדער און צו דרוקן פשוטע טונקלע שווארצע טינט וואס אלע דריי צוזאמען וואלט נישט געווען גענוג שטארק.

ווען מען נעמט א געדרוקטע פאפיר וועט מען זען אז די בילדער זענען צוזאם געשטעלט פון טויזנטער פיצעלע פינטעלעך פון די קאלירן, יעדע איינס אין זיין ריכטיגע מאס, וואס אינאיינעם שטעלט עס צוזאם א הערליכע בילד.

ווען מען קוקט מיט א פארגרעסערונג גלאז אויף די פרינטער זעט מען בכלל נישט קיין שיינע בילד, מען זעט בלויז מאדנע פינטלעך וואס זענען ארומגעווארפן אן קיין פשט און אן קיין סדר, אזוי ווי ווען א מענטש איז אין א קטנות הדעת ער איז צובראכן ער זעט גארנישט אויף זיך, ער קוקט זיך אן שלעכט און צומישט, דערנאך קוקט ער אן זיינע נאנטע נישט גוט, ביז ער קומט צו צו האבן חס ושלום קשיות אויפ'ן אייבערשטן, ער פארשטייט נישט פארוואס ער דארף ליידן, פארוואס ער איז געבוירן געווארן ביי אזא משפחה, פארוואס ער האט געדארפט באקומען דעם פרוי, און אזוי ווייטער.

אבער ווען מען זומט אביסל ארויס, מען זאל קוקן די גאנצע בילד, וועט מען זען א הערליכע וועלט וואס איז צוזאם געשטעלט פון אומצאליגע קאלירפולע נקודות טובות, יעדעס תפילין, יעדע ברכה, א פסוק חומש, אן אמן יהא שמיה רבה, יעדעס איינס איז ריכטיג אויף זיין פלאץ וואס דאס שטעלט צוזאם א הערליכע בילד.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב) אז מען דארף זוכן ביי זיך און ביי אנדערע צו טרעפן נקודות טובות; ווען מען געוואוינט זיך צו צו זיין גוט צו אלעמען, סיי צו זיך אליינס - מען קוקט אויף זיך גוט, און סיי אויף אנדערע דעמאלט ווערט מען איינס מיט'ן אייבערשטן, וואס איז (תהלים קמה, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", גוט צו יעדן איינעם און האט רחמנות אויף אלעמען.

ווען מען קוקט אויף די וועלט שיין זעט מען ווי דער אייבערשטער פירט זיין וועלט אזוי געניט, ער לייגט יעדע זאך פונקטליך אויף זיין פלאץ, יעדער פונקטליך וואס ער דארף און ווען ער דארף עס, און צוזאמען ווערט צוזאם געשטעלט א הערליכע בילד, וואס דער וואס איז זוכה און ער דאנקט דערויף דעם אייבערשטן, לעבט ער שוין דא אויף דער וועלט אין א גן עדן, איך בין גוט, מיין ווייב איז גוט. ווי דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "דער גן עדן און דער גיהנום געפונען זיך דא אויף דער וועלט", וואויל איז דער מענטש וואס פאלגט דעם אייבערשטן ער האט אמונת צדיקים, וועט אים גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**נקודות טובות**

משה ארי' שניטלער

# פלעצער וואו מ'רעדט נישט פון שלום בית

אין איין איינציגן שבת אין היכל הקודש קען מען זאמלען עצות וואס קען טראגן א מענטש פאר גאנצע זיבעציג יאר.

דאנערשטאג פרשת עקב איז נישט געווען די דאנערשטאג נאכט דרשה, דער עולם איז געזיצן אין היכל ראזנבערג און געמאכט טעלעפאן קאללס צו העלפן אנקומען צו די מיליאן דאלער קאמפיין.

אויף שבת קודש האמיר זיך אריבער געכאפט צו די דירה פון מיין זון הר"ר יוסף נ"י, ווייל מ'האט געמאלדן אז דער ראש ישיבה גייט זיין שבת אין מחנה אילן החיים ד'ברסלב, ס'איז מיר געווען וויכטיג נישט צו פארפאסן די באטע, ווען איך בין אריינגעקומען צו די באטע (די וועג פון די אכט הייזער אויף טווין ברידזש נעמט בערך צוואנציג מינוט אז מ'גייט שנעל, דרייסיג פערציג מינוט אז מ'גייט שטייט) פרעגט דער ראש ישיבה, פארוואס ביסטו געקומען אזא לאנגע וועג? האב





איך געזאגט איך וויל מיינע קינדער זאלן געדענקען אז מ'גייט צו א ערליכן איד, אלץ קינד האב איך אלץ געהערט פון מענטשן וואס פלעגן יעדן פרייטאג צו נאכטס אריבער גיין די וויליאמסבורג בריק, פון די איסט סייד, צום טיש פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, הר"ר מרדכי לייב טירנויער ז"ל, מיט נאך עטליכע חשוב'ע חסידי'שע אידן, וואס האבן א דאנק דעם איבערגעלאזט שיינע דורות.

שפעטער האב איך געזאגט פאר דעם ראש ישיבה אז איך בין נישט געקומען די לאנגע וועג פון מיין הויז אויף האשקי, ווייל איך בין אויף שבת ביי הר"ר יוסף נ"י, וואס איז נענטער.

ס'איז געווען זייער שיינע געשמאקע שמועסן, מענטשן האבן אריינגעפרעגט פארשידענע שאלות, דער ראש ישיבה האט געזאגט, אז ווער ס'זוכט וואס צו מקבל זיין צום נייעם יאר, זאל זיך מקבל זיין צו דאווענען שחרית מנחה מעריב אין שול.

דער ראש ישיבה האט באריררט די נושא פון פארשידענע געגנטער וואס מ'ציט זיך אהין פון ברוקלין, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען א מענטש זעט אז זיין דירה איז צו קליין און ער וויל אוועק גיין וואו ס'איז דא גרעסערע דירות, שטעלט זיך עס אויס אויף צוויי אנדערע וועגן, למשל ראובן און שמעון, ביידע זענען אין א קליינע דירה און זוכן צו גיין וואו ס'איז גרינגער צו קויפן א גרעסערע דירה, ראובן וועט אויסקלויבן א געגנט וואו ס'איז ליבעראל געשטימט, איש כל הישר בעיניו יעשה, מיט זיין גרעסערע לופטיגע דירה, גייט ער אויך אביסל אויסלופטערן זיין אידישקייט, און שמעון וועט זוכן א געגנט וואס איז נישט געבויט אויף אוועקווארפן שטיקער אידישקייט, ער וויל פרובירן אנצוהאלטן די אידישקייט שטאפל אזוי ווי אין זיין אלטע קליינע צוקוועטשטע דירה. ער מאכט די דירה גרעסער און נישט די אידישקייט גרינגער.

האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר א אינגערמאן וואס וואוינט אין איינס פון די נייע געגנטער, דיין פלאץ וואו דו וואוינסט, איז א גוט פלאץ, מענטשן דארט ווילן זיין אין א ערליכע מסגרת, במילא דארף מען דארט פארשפרייטן דעם רבין'ס עצות מיט ספעציעלע כוחות, ווייל אט די איינוואוינער זענען א "כלי מוכן לקבל", אנצונעמען דעם רבינ'ס שכל פאר זייער וועג אין לעבן, דאס הייסט רעדן צום אייבערשטן און זאגן משניות, און זיך פארלייגן אויף שלום בית.

אויך, פון די אנדערע זייט, ווען מ'גייט ארויס פון די קליינע צוקוועטשטע דירה, איז גרינגער נישט אנצונעמען די לשון הרע'ס וואס מ'רעדט אויף ערליכע אידן און אויף ברסלב'ע ספרים.

ס'איז אביסל אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלץ נאך פון די לאנג יעריגע מפיצים, אז זומער אין די קאנטרי'ס נעמען די ספרים אויף אזעלכע וואס וואלטן עס נישט גענומען א גאנץ יאר. (א שטייגער אזוי ווי ס'איז דא מענטשן וואס עסן זומער אזעלכע הכשרים וואס ער וואלט נישט געגעסן א גאנץ יאר, און טוען זיך אן בגדים וואס ער וואלט נישט אנגעטון א גאנץ יאר, ווייל די מנהג אמעריקע איז אז ווען ס'קומט זומער, you let your guard down, אויף אידיש מיינט עס, דער מנהל קוקט נישט, דער ראש הכולל זעט נישט וואס איך טו יעצט אין קאנטרי, קיינער פון מיין שול אין שטאט וועט נישט וויסן אז אנשטאט גיין אין שול צו מנחה האב איך געכאפט א יחיד'ל ביים בארביקיו א מינוט פאר צוויי און זיבעציג).

שבת צופרי האב איך געדאווענט אין די שול אויף די "ירושלים" גאס, הר"ר הערשל בוים נ"י האט גערעדט פון דעם חכם פון סיפורי מעשיות וואס איז אלץ געווען אומצופרידן, און דער רבי לערנט אונז זיך צו פרייען מיט וואס מ'האט יא.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א שיינע שמועס

**אויב איינער שטעלט אויס די חינוך פון זיינע קינדער מער פאר די כבוד ווי פאר די עצם האלטן אידישקייט, וועלן די קינדער דאס דערשפירן און זיי זענען עלול צו ווערן אפגעקילט לגמרי.**



צווישן עטליכע חברים, מ'האט גערעדט פון דאס וואס דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א האט געזאגט זונטאג פרשת עקב ביי דעם רייכן "פאנעל" פון שאלות ותשובות דורך מו"ה יואל וועבערמאן נ"י אז רוב מאל קומט "בעקפייער" ווען מ'רעדט צו א קינד מיט א פאלשקייט.

למשל, ווען א טאטע זאגט פאר א קינד אז ער טאר נישט אריבערגיין די גאס אליין אדער אז ער טאר נישט האלטן א מעסער, און אויב יא וועט ער ווערן באשטראפט, פון דעם קומט נישט קיין בעקפייער, דאס קינד ווייסט אז דאס וואס מ'האט אים געזאגט איז ריכטיג, ווייל די זאכן זענען א סכנה, אויב אבער איינער שטעלט אויס די חינוך פון זיינע קינדער מער פאר די כבוד ווי פאר די עצם האלטן אידישקייט, וועלן די קינדער דאס דערשפירן און זיי זענען עלול צו ווערן אפגעקילט לגמרי.

שלש סעודות האט גערעדט הר"ר יוסף שניטצלער נ"י, וואס ווען מ'האט אים ארייגעלייגט אין ברסלב'ע חדר, האט דער עולם פרעדיקטעט אז א ברסלב'ע חדר קען נישט מצליח זיין און קען נישט ברענגען נחת. (איך שרייב עס וועגן דעם, ווייל אויב מ'רודף'ט דיך וועגן לייגן די קינדער אין ברסלב אדער וועגן פארן קיין אומאן וכדומה, זאלסטו וויסן אז פון אלע רדיפות בלייבט גארנישט, דיין קינד וועט האבן די זכי' צו רעדן צום אייבערשטן יעדע זאך וואס ליגט אים אויפ'ן הארץ, דיין קינד וועט וואקסן אין א פלאץ וואו מ'לערנט אז אידישקייט גייט אן אין יעדן מצב, סיי מ'קוקט סיי מ'קוקט נישט, דער אייבערשטער קוקט אייביג, מ'שטעלט נישט אויס די אידישקייט בלויז צו טון א שיינעם שידוך אדער בלויז נישט צו ווערן ארויסגעווארפן פון די מוסד, מ'דארף טון וואס איז ריכטיג אויך אויב די מוסד ווארפט נישט מיינע קינדער און אויך אויב איך האלט שוין נאך שידוכים).

די שלש סעודות תורה איז געווען געשטעלט אויף וואס חז"ל זאגן "אין ועתה אלא תשובה", וואס איז פשט אין דעם? ווייל תשובה מיינט "יעצט", וואס קען איך טון "יעצט"? וועלכע קליינע גרינגע מצוה קען איך כאפן "יעצט"? בעסער אביסל יעצט ווי איידער אסאך מארגן, און אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלץ, בעסער דאווען א פשוט'ע שחרית "יעצט", ווי איידער א דערהויבענע שחרית שפעטער.

ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן די דרשה אז לעולם האט ער געהאט בדעה צו רעדן פון די גרויסע יארצייט פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, אבער אזוי ווי מ'האט דא געמאכט די שבע ברכות און דער פרישער חתן ר' לוי יצחק נ"י זיצט דא, וועט מען רעדן קודם פון שלום בית.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא פלעצער וואו מ'רעדט נישט פון שלום בית, וואו מ'האלט אז ס'פאסט נישט צו רעדן פון שלום בית, אבער מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט זיך געפירט אז יעדן דאנערשטאג נאכט ביי די דרשה האט ער נאכאמאל מעורר געווען אז שלום בית איז א יסוד אין לעבן.



דער ראש ישיבה האט מעורר געווען אז אויב דער מאן רעדט צו די ווייב מיט א קאלטקייט, מיט א באבלאזנקייט, וואקסן די קינדער אומגעראטן, אויב די שטוב איז געבויעט אויף רעדן שיין וואקסן די קינדער געלונגענע סוקסעספול מענטשן פאר'ן גאנצן לעבן, זיי האבן כח צו דערהייבן שווערע מצבים וואס מאכט זיך אין לעבן, און אויב זיי וואקסן אין א שטוב וואו מ'האלט נישט חשוב איינער דעם צווייטן, ווערן זיי אינגאנצן צופאלן ווען ס'גייט זיי איבער שוועריגקייטן אין לעבן, זיי האבן נישט די שטארקקייט זיך צו פארמעסטן מיט קיין פראבלעמען, זיי פאלן אונטער.

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט וואס שטייט אין ספר המידות "הבנים שוטים כשאביהם כעסן" אויב איינער מאכט א בייזע גוסטע אין שטוב וואקסן די קינדער שוטים.

זונטאג פרשת ראה האט מיך אנגערופן מיין טייערע ידיד מו"ה אשר לעמל נ"י און מיך געבעטן וואס איך קען טון צו שטופן נאך אביסל מ'זאל קענען אנקומען צו די מיליאן דאלער, כ'האב איינגעזעון אז ער איז גערעכט, ברוך השם איך בין געגאנגען נאך געלט אין די שול'ן דא אין די קאנטרי'ס, כ'האב זייער הנאה געהאט צו פילן די שיינע זאכן וואס דער ראש ישיבה זאגט וואס געשעט ווען מ'גייט נאך געלט.

שכח אייבערשטער אז איך קען האבן א חלק אין העלפן די ראש ישיבה בויען פאר די קומענדיגע דורות א מוסד וואו מ'זאל ליב האבן אידישקייט.

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע מוסד וואס לערנט אויס קליינע קינדער צו רעדן צום אייבערשטער אזוי ווי צו א חבר. העלף מיר אייבערשטער איך זאל נאכמאכן די תמימות'דיגע קינדער און רעדן צו דיר יעדן טאג.



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

א) מעיקר הדין איז גענוג אז מען צינדט איין לעכט, איינס קעגן זכור און איינס קעגן שמור:[1] עס זענען דא נאך טעמים פארוואס מען צינדט צוויי לעכט, ווייל אלעס אין שבת איז צוויי, ווי לחם משנה, צוויי נשמות, נשמה יתירה. יום טוב צינדט מען די זעלבע סאך לעכט ווי שבת[2].

ב) דער מגן אברהם סק"ב ברענגט פארשידענע מנהגים פון צולייגן לעכט[3], מוהרא"ש זי"ע שרייבט אז דער מנהג ביי אונז איז, אז גלייך נאך די חתונה צינדט מען צוויי[4] אויל לעכט און פיר וואקסענע לעכט קעגן דעם שם הוי-ה, און ביי יעדע קינד וואס ווערט געבוירן לייגט מען צו א לעכט[5] און אזוי צינדט מען א גאנץ לעבן אפילו די קינדער האבן שוין חתונה געהאט[6].

ג) די פוסקים שרייבן אז די אלע לעכט וואס מען צינדט אלס מנהג - חוץ פון די צוויי וואס איז מעיקר הדין - איז נאר ווען מען איז אינדערהיים, אבער ווען מען איז צוגאסט ערגעץ אנדערש, דעמאלט איז כאילו מען וואלט זיך אויסגענומען אז מען צינדט נאר צוויי,[7] אבער אויב מען איז דארט פאר א לענגערע צייט ווי דרייסיג טעג אדער מער, ווי למשל אין קאנטרי, דעמאלט צינדט מען יא אלע לעכט ווי געהעריג[8].

ד) אז עס מאכט זיך אז די פרוי איז נישט אין שטוב און דער מאן צינדט, צינדט ער אויך אן אלע לעכט[9].

ה) דער רמ"א שרייבט: אויב מען האט איין וואך נישט געצינדען, דארף מען די קומענדיגע וואך צולייגן א לעכט, כדי מען זאל מער נישט פארגעסן צו צינדען[10], אבער אויב עס איז געווען א אונס דעמאלט דארף מען נישט צולייגן, שטייט אבער אין די פוסקים אז טאמער מען האט פארגעסן אין יום טוב צו צינדען דארף מען נישט צולייגן[11].

ו) אויב צינדט מען יעדע וואך גרעסערע סארט לעכט, זאל מען נישט צינדען אן אנדערע וואך קלענערע לעכט[12] חוץ אויב מען האט זיך אויסגענומען אז עס איז נאר דאסמאל, אבער אויב האט מען יא געצינדען קלענערע, קען מען מקיל זיין אז מען דארף נישט צולייגן נאך א לעכט[13].

## הערות

1) **גמרא שבת לג: ווען רבי שמעון בר יוחאי איז ארויס פון די מערה, האט ער געזען ווי אן אלטע איד לויפט מיט צוויי הדסים אין זיין הענט, האט ער אים געפרעגט פארוואס דארפסטו דאס? האט דער אלטער איד געענטפערט דאס איז לכבוד שבת, האט אים רבי שמעון בר יוחאי געפרעגט אויב אזוי איז דאך גענוג נאר איינס? האט ער אים געענטפערט אז איינס קעגן זכור און איינס קעגן שמור, האט זיך רבי שמעון בר יוחאי אנגערופן צו זיין זון רבי אלעזר "קוק ווי באליבט די מצוות זענען ביי די אידן."**

2) (פרמ"ג סי' תקי"ד מ"ז סקי"ב). אעפ"י דביו"ט אין בו משום זכור ושמור מדליק שנים נגד האיש והאשה.

3) **דער מגן אברהם צייכנט צו פונעם של"ה הקדוש אז עס איז דא אזעלכע וואס צינדען זיבן, עס איז דא אזעלכע וואס צינדען צען,** בשל"ה כ' טעמים ע"פ קבלה, במ"ב כ', **זיבן קעגן די זיבן טעג פון די וואך, צען קעגן די עשרת הדיברות - דאס הייסט אז מען צינדט זיבן לעכט און מען בעט דעם אייבערשטן אז די ליכטיגקייט פון שבת קודש זאל לייכטן אגאנצע וואך, און די וואס צינדען צען ליכט איז אז מען בעט דעם אייבערשטן אז עס זאל ליכטיג ווערן ביי אונז די הייליגע תורה.**

4) **אזוי שטייט אין סידור האר"י, און דער ליקוטי מהרי"ח ברענגט עס, ווייל דער מחבר זאגט סי' רס"ד סעי' ו' שמן זית מצוה מן המובחר, עס שטייט אין ספר חסידים אז עס איז געווען אז איד וואס האט זייער מאריך ימים געווען, און און מען האט געזוכט א סיבה פארוואס ער האט אזוי מאריך ימים געווען, מען האט נישט געטראפן אין אים קיין שום זכות חוץ פון איין זאך אז ער פלעגט צינדען יעדע וואך מיט שמן זית.** עי' ב"י, מקורו מתוס' דאיה"נ דהלכה כחכמים דמותר בכל שמנים חוץ מאלו שמנו חכמים שאסור להדליק בהם, עכ"ז שמן זית מצוה מן המובחר. - **ובמחזיק ברכה חיד"א שרייבט אז מען זאל זיין געווארענט צו צינדען מיט שמן זית ווייל חז"ל זאגן (שבת כ"ה) הרגיל בנר הווין בנין רבנן, לכן צריך ליזהר בנר לעשותו בשלם און כדי זוכה צו זיין צו קינדער וואס וועלן לייכטן אין די הייליגע תורה, אזוי שטייט אין די גמרא (סנהדרין כד.) אז א תלמיד חכם איז צוגעגליכן צו שמן זית. - וכן כ' בשו"ע התניא רס"ד סעי' י"ב, מצוה מן המובחר להדר אחר שמן זית כמו לנר חנוכה.**

5) **כאטש אין די גמרא, שו"ע, נושאי כלים, ווערט נישט דערמאנט דער ענין, אבער די פוסקים ברענגען טעמים: עי' בספר שבת בשבתו - אז אזוי ווי ביי נר חנוכה איז דא א שיטה א לעכט פאר יעדן איינעם, עי"ש באריכות דאינו דומה ממש אבל כעין אסמכתא לזה - עי' במשנה הלכות סי' ל"ה ווייל דער ערשטער שבת נאך א קינד צינדט נישט דער פרוי דעריבער לייגט מען צו נאך א לעכט.**

6) עי' בספר שבת בשבתו רס"ג א' דף תנ"ח.

7) שו"ת בית ישראל סי' קמ"ח - ברכת הבית (שער מ"ה סי"ז) שש"כ (פמ"ג הל' ג')

8) מדומה למזוזה שכ' בשו"ע יו"ד סי רפ"ו סעי' כ"ב לשוכר בית דאם דר ל' יום מחויב במזוזה - כך מצאתי בס' שבת בשבתו, ומילתא דמיסתברא הוא.

9) כן נראה לענ"ד כיון דבכל שבוע הוי מצוה שלו, והיא אינה אלא שליחו, אינו בדין דהמשלח הני בפחות מין הנשלח, ודו"ק.

10) לשון רמ"א (רס"ג סעי' א') וכן נהגו האשה ששכחו פ"א להדליק, מדלקת כל ימיה ג' נירות: מג"א סק"ג, ואם שכחה כ"פ צריכה להוסיף בכ"פ כי הדבר משום הכירא שתהא זהירה מכאן ולהבא שלא לשכות, וכ"כ בשו"ע התניא ס"א, מ"ב כ' טעם משום קנס, וכ"כ בדה"ח וערוך השולחן סי"א, מחצית השקל סק"ג כ' טעם במג"א דהוי משום כפרה, ובתורת חיים (סק"ד כ' שכן משמע ממהרי"ל - שהוי מקור לרמ"א. - חידוש: ראיתי בס' תורת חיים סק"ד דאונס דפטור המג"א מיירי דאפי' האונס הבא ע"י פשיעתה, כגון בית האסורים, גם פטורה מנר נוסף, וכן הדין בטרעפי"ק או שינה, דלא כאיזה ספרי זמנינו דיש נפקא מינה בין אם היה זמן להגיע וכו'.

11) שו"ת קנין תורה ח"א סי' פ"ז: כיון ששיכולה להדליק תוך הסעודה וגם לאחר הסעודה הוי מילתא דלא שכיח, וע"ז לא גזרו.

12) בביאור הלכה ד"ה ששכחה, הביא הפמ"ג - דבעתו דאפי' אם היא רגילה להדליק ב' נירות והדליקה רק א', צריכה להוסיף, כ' הב"ה ולא נהירא דכל זה, {שמדליקה יותר מנר א'} הוא רק משום מנהג והבו דלא לוסיף עליהע"כ, וכן הדין הכא.

13) איסור זה למדתי מא"ר סק"ט שכ' דבאשה עניה די לה להוסיף כל ימיה מעט שמן, רואין דחושבין זה בשעהד"ח כנר הוספה, ה"ה לענינינו אסור לפחות.

לזכות נפתלי הירצקא בן רחל גיטל לאה להצלחה בכל ענינים

## פרנס השנה

# $10,000

**$200 א וואך**

## פרנס החודש

# $5,000

**$100 א וואך**

*sruliHeskel

מיין חלק
# הפיצה
קרן הדפסה קאמפיין תשפ"ה

פרנס השבוע
$2,600
$50 א וואך

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פרנס היום
$1,000
$20 א וואך



# א מעשה
## פון א צדיק

# אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֶעזָאגְט: "מִיר זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר 'אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם' - נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער וֵייסְט דִי סוֹדוֹת אוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט."

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַז רַייכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט אִין זַיין שְׁטָאט פְלֶעגְן אִים גֶעבְּן גֶעלְט עֶר זָאל פָארְן צוּ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וִוי אַלֶע פַאבְּרִיקְן זֶענֶען אַיינְקְוַוארְטִירְט, אוּן דָארְט אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה פַאר זֵיי, אוּן דִי גְבִירִים פְלֶעגְן בַּאצָאלְן אַ גֶעוִויסֶע פְּרָאצֶענְט פַאר דֶעם סוֹחֵר.

אֵיינְמָאל בִּשְׁעַתְ'ן אַהֵיים פָארְן מִיט אַ וָואגְן אָנְגֶעפִילְט מִיט סְחוֹרָה, הָאט דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַיינְגֶעדְרִימְלְט, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען אַרָאפּ פוּן דִי נָארְמַאלֶע וֶועג, אוּן אַרַיין אִין אַ דִיקֶע שְׁוֶוערֶע בְּלָאטֶע. וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אַרוֹיס צוּשְׁלֶעפְּן דִי וָואגְן.



דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר דִי גְבִירִים, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּכִיּוֹת.

אִינְמִיטְן אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר אוּן גֶעזֶען דִי מַצָּב וָואס דֶער אִיד מַאכְט דָא מִיט, הָאט עֶר פְּרָאבִּירְט צוּ הֶעלְפְן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דֶעם וָואגְן אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער גְבִיר הֵייבְּט אוֹיף זַיין אוֹיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעלְפְן דֶעם אִיד, וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶעוָואנְדְן מִיט גֶעלְט וָואלְט אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן וִויפִיל גֶעלְט עֶר דַארְף, אָבֶער דָא דַארְף עֶר אַבִּיסְל כֹּחַ, כֹּחַ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט." נָאכְן עֶנְדִיגְן זַיין תְּפִלָּה אִיז עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעפָארְן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וַוייטֶער: אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט פַּאסִירְט בַּיים אַנְדֶערְן זַייט וֶועלְט אַז אַ אִישׁ גִיבּוֹר, זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, הָאט שְׁפַּאצִירְט אוֹיפְן וֶועג אוּן פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר יָאמֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת וִוי מֶען וֵויינְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאכְן קוֹל אוּן עֶר זֶעט וִוי אַ בַּאנְדֶע פַארְשׁוֹינֶען פַארְטְרַייבְּן אַ גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן זֵייעֶר הוֹיז מִיט גֶעבִּינְדֶענֶע הֶענְט, דֶער גִיבּוֹר הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען טֵיילְן גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁלֶעק פַאר דִי חֶבְרָה, אוּן דִי בַּאנְדֶע הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן: "מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גַּזְלָנִים, דִי פָּרִיץ הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ אַיינְשְׁפַּארְן דִי מִשְׁפָּחָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאצָאלְט פַאר דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אַ לַאנְגֶע צַייט." הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וִויפִיל גֶעלְט קוּמְט מֶען פַארְן פָּרִיץ", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט וִויפִיל גֶעלְט דֶער פָּרִיץ דַארְף. אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אִין וֶועג, אוּן עֶר הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעלְפְן דִי מִשְׁפָּחָה, וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶעוָואנְדְן מִיט כֹּחַ וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן מַיין כֹּחַ וִויפִיל עֶס וָואלְט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אָבֶער דָא דַארְף עֶר גֶעלְט, גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט."

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט: "לוֹיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל וָואלְט מֶען גֶעטְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּשְׁטֶעלְן פַאר דֶעם סוֹחֵר אִין דִי בְּלָאטֶע, דִי מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַסַאךְ כֹּחַ, אוּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער פָּרִיץ הָאט בַּאפוֹילְן צוּ אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה, דֶעם גְרוֹיסְן גְבִיר, אוּן אַזוֹי בֵּיידֶע רַאטֶעוֶוען, אִיז פַארְוָואס הָאט פַּאסִירְט פוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן וָואס אוּנְזֶער שֵׂכֶל טְרַאכְט? וֶועגְן דֶעם זָאגְן מִיר "אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם", נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער וֵייסְט דִי סוֹדוֹת אוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ נָאר דוּ בַּאשֶׁעפֶער.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: דָאס אִיז אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר אוּנְז אַז אֲפִילוּ לוֹיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, מָאדְנֶע זַאכְן פַּאסִירְן, דַארְפְן אוּנְז וִויסְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז אַלֶעס אִיז גְלַאטִיג אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

(שיחות מוהרא"ש חלק א', ערך אמונה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

פ"ז

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין חַיוּת אִין עֲבוֹדַת ה', אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט ר' לִיפָּא צוּרִיק פוּן אַ שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ זָאגְן סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן חַיוּת פוּן ר' לִיפָּא בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת, אִיז דָאס זֵיי גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט אִים? עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ טֵייל פוּן זֵייעֶר גְרוּפֶּע? פוּן וואוּ הָאט עֶר יֶעצְט בַּאקוּמֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סָארְט גֶעשְׁמַאק אִין דִי סְלִיחוֹת?

נָאךְ סְלִיחוֹת הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער דֶעם, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז סְ'הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דָארְט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אוּם שַׁבָּת גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְחַזְקוּת.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוֹיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זִיךְ דָארְט קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען זֶעטִיגְן דִי דָארְשְׁט פוּן זַיין נְשָׁמָה.

זוּנְטָאג, א' סְלִיחוֹת, הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוּפֶּע פוּן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, רֶבִּי נָתָן, ר' נַפְתָּלִי, ר' לִיפָּא, אוּן דֶער קְלֵיינֶער ר' זַלְמָן, אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן. בַּיים זוּכְן צוּ דִינְגֶען אַ וָואגְן הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעטְרָאפְן ר' לֵייבּוּשׁ, וָואס הָאט גֶעוָואלְט פָארְן עֶרְגֶעץ דוּרְךְ בְּרֶסְלֶב, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בַּיים עֶק שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, זֶענֶען זֵיי אַרַיין צוּ אַ אִיד אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' בֶּערְל דָאבְּרִישׁ, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס הָאט זֵיי נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין ר' בֶּערְל'ס הוֹיז, זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין פוּל מִיטְ'ן רֶבִּי'ן". עֶר הָאט מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז אַזוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן אַ הוֹיז פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז סְ'זָאל זַיין פוּל מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דָאס הֵייסְט אַז מְ'זָאל דָארְט רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע אַרַיין צוּזַאמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ".

זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, וִוי סְ'אִיז אַיינְגֶעפִירְט, אוּן יֶעדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֵייגְן זַיין יִחוּס פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל ר' נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַ יַחְסָן, אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי'ן פוּן סְקָאהְל, אוּן ר' לֵייבּוּשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יַחְסָן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַלֶע גוּטֶע אִידְן".

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען זַיין יִחוּס, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז אַ קָרוֹב מִיט אִים, וַוייל זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי דָוִד צְבִי זי"ע אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל מִשְׁפָּחָה מִיטְ'ן זֵיידְן פוּן רֶבִּי'ן, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶערוֹיף, "מִיר קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין פוּן לַאנְג, נָאר מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען".

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# קרן חתנים דישיבת תפארת התורה ברסלב

ישראל דוד העסקעל

**איינס** פאר פינף, דריי פאר צען זיבן פאר צוואנציג, ניין שריי העכער, דער עולם הערט נישט, יעדער איז ביזי- א-י-י-נ-ס פ-א-ר פ-י-נ-ף ד-ר-י-י פ-א-ר צ-ע-ן ז-י-ב-ן פ-א-ר צ-ו-ו-א-נ-צ-י-ג!!! ביסט שוין געווען ביי די 9:45 מנין? ווער קאווערט עס? איך שטיי דא ביים טיש איך קען נישט גיין, ווער נעמט די מנין? אה שלומי און דודי זענען דארט זייער גוט.

וואו איז די פרישטאג? עמרם איז געגאנגען איינקויפן וואס נעמט אים אזוי לאנג? איך גיי דא אויס פאר הונגער ער איז געגאנגען איינפלאנצן ווייץ צו קענען מאכן בעיגלס און ראללס? וואו איז ער שוין?

אקעי יחזקי לאמיר איבערציילן ווי מ'האלט, האסט די ענוועלאופ? ניין נישט די, די גוטע וואס איך האב געמאכט פון דעם ראפפעל דארט ליגט די געלט, איינער איז דא ער וויל אפשר קויפן

"פאר וועמען גייט עטץ דא נאך געלט?"

"פאר קרן חתנים דישיבת..."

"אה זייער שיין, בחורים העלפן די חברים צו קענען חתונה האבן, זייער א שיינע זאך. איר האט גענומען רשות פונעם גבאי צו




קענען נעמען א טיש און מאכן אן אפיל? ווייל סתם אזוי קען מען קומען נאר אויב נעמט מען פון פאר דעם רשות פונעם גבאי?"

"יא זיכער, מיר האבן געקאללט דעם גבאי, און געצאלט פאר די טיש, מיר האבן אלעס געטון נאר מיט רשות!"

"זייער שיין, וואס ראפפעלט מען דא אויס?"

"איר קענט מארגן זיין די גליקלעכער געוואונער פון פינף און צוואנציג טויזנט דאללער קעש! איר באקומט מארגן נאכט דעם פאון קאלל און מ'ברענגט אייך א פעקל מזומן!

זייט נישט קיין צועק לשעבר איר קענט נאך יעצט אריינגיין אינעם גורל און זיין די גליקלעכע געוואונער!"

"וואס קאסט א ראפפעל?"

"איינס פאר פינף, דריי פאר צען, זיבן פאר צוואנציג! אויב קויפט איר א גאנצע ביכל קען מען עס אייך געבן פאר הונדערט און דאן זענען אייער טשאנסן פון געווינען פיל העכער! ס'לוינט זיך..."

"עהעם אהא, און וואס טוט די קרן חתנים מיט די געלט, ווי אזוי ארבעט עס? פארוואס דארפט עטץ אזוי פיל געלט?"

"אה אונזער קרן חתנים טיילט פאר יעדן חתן אסך מער געלט ווי סיי וועלכע קרן חתנים, ס'איז ריין צדקה. מיר העלפן דעם חתן גיין אונטער דעם חופה מיט א רואיגע געפיל. אמאל פלעגן מיר טיילן פינף אלפים פאר יעדן חתן, אבער דורך די שטיצע פון חשובע נגידים ווי אייך זעמיר ארויף צו זיבן טויזנט דאללער קעש, פאר יעדן איינציגן חתן. און איר וועט עס נישט גלייבן אבער היינט טיילן מיר שוין א צענער פאר יעדער חתן! טרעף מיר נאך איין קרן חתנים וואס טיילט אזוי פיל..."

"און נישט נאר דאס, נאר מיר געבן פאר יעדן חתן צוואנציג פראצענט אין מלבושים צענטער און צען פראצענט פארן שטריימל אזוי אז די חתן קומט צום חתונה ווי א קעניג!"

"אהא זייער שיין, וועלכע ישיבה איז דאס נאכאמאל?!"

ישיבה למציינים..."

"זייער חשוב, זאלט עטץ פיין מצליח זיין, עטץ מאכטס א גוטע ארבעט..."

"איז וויפל טיקעטס ווילט איר קויפן? איין ביכל? אפשר נעמט איר צוויי ביכלעך וועט איר זיין גאר גאר פארזיכערט?"

"כ'וועל עס איבער טראכטן, שכח....."

סתם פארברענגט אונזער צייט דו זעסט מענדי פון די מין חברה מוז מען זיך אכטונג געבן די מערסטע, ער זיכט וואו ער קען טרינקען זיין קאווע רואיג, ער קומט שמועסן דא, נעמט אונזער צייט, און גייט זיך ווייטער. דו ווייסט וויפל טיקעטס מיר וואלטן געקענט פארקויפן אין די צייט? א מין חוצפה, איך גיי אנהייבן אכטונג געבן פון יעצט...

אה די פרישטאג איז דא, וואו איז מיינס? איך האב באשטעלט ספייסי טונא מיט טאמעיטעס און פיקלס וואו איז עס? אייער? ניין קריעם טשיז, אויך נישט. אה דא איז עס - ספייסי טונא, יא ער האט מיר געלייגט וואס איך האב געבעטן, לחיים. "איך זעץ מיר עסן, דו רוף אויס דערוויל, און נאכדעם וועט מען זיך טוישן."

***

איינס פאר פינף, לייג אריין נאך אביסל באנדלעך, דריי פָאר גערשטן, יא גיס ס'זאל זיין בשפע זיבן קוגלען, א מחי'! ס'גייט א רויך. וואו איז די סעלצער? אה





ברענג אהער לייג עס שיין אויס דא אויפן טיש....

קרן חתנים דישיבת תפארת התורה ברסלב ארבעט פיבערהאפטיג צו העלפן זייערע חברים גיין אונטער די חופה! אויף יעדער באס איז דא א באקס, אלע משפחות וואס האבן עפעס געמאכט לייגן עס אריין אינעם באקס און די קרן חתנים גייט עס אנגרייטן.

די בחורים שלאפן נישט, מ'מוז העלפן דעם חבר חתונה האבן, ער כאפט א בעזעם און בעזעמט אויף, בשעת אן אנדערע בחור גרייט אן די טישן און בענקלעך ס'זאל זיין בריווח פלאץ פאר שושבינן, און אלע וואס קומען זיך מיט פרייען.

אין קאך טוט זיך אן עבודה, מ'שניידט די געפילטע פיש, מ'לייגט אויס די באפפעי טעפ וואס וועלן האלטן די טשולענט און קיגל ווארעם. אה דא קומט ער ארויס מיט א טאץ ראגעלעך, און שוין כ'מיין אז אלעס איז גרייט...

לעצטע וואך האבן מיר זוכה געווען צו די ערשטע חתונה אין קרית ברסלב ליבערטי, מיר האבן נאכאמאל זוכה געווען צו זען וואס מיינט לעבן מיט א צדיק, מ'טוט נישט וואס יענער נערישע דעפרעסטע עושר טוט, מ'טוט וואס די תורה זאגט צו טון און וואס איז ריכטיג!

מיר האבן זיך נישט מיט וואס צו שעמען, אונזער ישיבה איז (כמעט) גארנישט אנדערש פון אלע אנדערע ישיבות וואס האבן א קרן חתנים, די בחורים העלפן די חברים חתונה האבן....

יוש ווי שיין איז דאס געווען מיט צוהאלטן ווי פַארן צווייטן טאנץ קומט א בחור ארויס מיט א פרישע טעצל קוגל, א צווייטער רייניגט די טישן, און די אנדערע בחורים פון קרן חתנים דישיבת תפארת התורה ברסלב גרייטן זיך צו משמח זיין א בשמחה'דיגן חתן!

ביי די זייט פון זַאל שטייט איין מחותן און שמייכלט פון באק צו באק, און ביים אנדערן זייט זַאל האסטו דעם צווייטן מחותן וואס קען נישט אויפהערן שמייכלען, דא קומט די זיידע און שעפט זיין נחת. ס'איז העעעערליך!!!!

די פערטע קאזין וואס וואלט בעצם נישט געקומען, נאר דא מוז ער זען וואס גייט פאר... ער זאגט: "נאכאמאל די חתונה איז טאקע זייער שיין, די חתן כלה און מחותנים זענען טאקע זייער פריילעך, אבער קאם אן..."

אוי באשעפער איך ווייס נישט וואס דער פערטע קאזין'ס פראבלעם איז (כ'מיין איך ווייס יא - דער אייבערשטער זאל אים העלפן ער זאל אויך מקורב ווערן צו א צדיק) אבער איך האב נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אויך קענען חתונה מאכן מיינע קינדער אזוי שיין!!!

אויב וועלן מיר נישט זיין קיין חכמים און מיר וועלן בלייבן מקושר צום צדיק, מיר וועלן פאלגן דער ראש ישיבה מיט תמימות און פשיטות, וועלן מיר אויך זוכה זיין צו קענען חתונה מאכן אונזערע קינדער די תורה וועג און מאכן פשוטע און פריילעכע שמחות אן קיין חובות.

אייבערשטער העלף איך זאל קיין אויבער חכם קיינמאל נישט ווערן, איך זאל זיך קענען דערהאלטן, און איך זאל אויך קענען מאכן שיינע פשוטע שמחות מיט מיינע קינדער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

**לעצטע געלעגנהייט!**
**נאך איין וואך פארבליבן**

# מודעה משמחת

דער ראש ישיבה
שרייבט אין א בריוו:

אז דו דארפסט א ישועה - זאלסטו געבן צו דרוקן די הייליגע ספרים "אשר בנחל" און די הייליגע קונטרסים.

מען זעט אפענע ישועות ווען מען העלפט דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן, א שאד צו זוכן סגולות וואס האבן נישט קיין מקור און וואס העלפט נישט - און דארט געבן די געלט, ווען מיר האבן א קלארע הבטחה פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, וואס האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט געבן געלט צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל" וועט זען גרויסע ניסים.




קרן הדפסה היכל הקודש גרייט זיך אין די טעג צו איבערדרוקן דעם **צווייטן באנד** פונעם הייליגן ספר **"אשר בנחל אידיש"**, געשריבן געווארן מיט מסירת נפש פאר אונז תלמידים אין אמעריקע דורך **מוהרא"ש זי"ע**, נאכדעם וואס עס איז שוין נישט דא צו באקומען, **קויפט א זכות און זעט אפענע ישועות.**

זכות
אשר בנחל
$500

יעצט קען מען אויך האבן די זעלטענע געלעגנהייט
צו קויפן דעם זכות מהדורה פאר $10,000

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

**פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי**
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449**

*sruliHeskel



# Silky Smooth Chummus

BY: C.C.

## INGREDIENTS:

- 2 CANS CHICKPEAS, RINSED AND DRAINED
- 4 TABLESPOONS TAHINI PASTE
- 4 TABLESPOONS OLIVE OIL
- 2 LEMONS, JUICED (APPROX 1/4 - 1/2 CUP LEMON JUICE )
- 1 TEASPOON SALT
- 1/2 TEASPOON BLACK PEPPER
- 4 CLOVES GARLIC
- 4 TABLESPOONS WATER

## DIRECTIONS:

PLACE ALL INGREDIENTS IN A HIGH-SPEED BLENDER AND BLEND FOR ABOUT 4-5 MINUTES UNTIL SMOOTH.

B"H

Shop easily




shop.breslevcenter.com



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

מאך אן התעוררות ביי אנשי שלומינו ווער עס וויל העלפן און האבן א חלק אין הדפסה והפצה; מיר דארפן האבן יעצט גרויס געלט צו קענען ווייטער אנגיין מיט'ן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות.

איך זע אז צווישן אנשי שלומינו האבן אויך נישט אלע א זכות צו העלפן, וואס איז אינטערעסאנט, ווייל רוב רובם, רובם ככולם זענען מקורב געווארן דורך הפצה, וואלטן זיי ווען געדארפט האבן א געפיל דערצו... זעט אויס אז מען דארף האבן א זכי' די געלט זאל אנקומען צו דעם הייליגן זאך.

שיק מיר א באריכט יעדע וואך ווער עס האט אלץ מנדב געווען פאר הדפסה.

...

בעזרת ה' יתברך

יום ה' פרשת ויגש, ט' טבת, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

איך דאנק דיר פאר'ן העלפן די ישיבה; עס איז זייער שיין צו זען ווי מענטשן זענען מכיר טובה, זיי העלפן די ישיבה - די פלאץ וואס העלפט זיי.

זייער אסאך זענען געהאלפן געווארן דורכ'ן רבי'ן, זייער אסאך נעמען זייער גאנצע חיות פון רבינ'ס ווערטער אין אלע הינזיכטן, אבער נישט אלע געדענקען צו העלפן מיט זייער צדקה די פלאץ וואס געבט זיי דעם רבי'ן, זיי זוכן זיך אלע סארטן צדקות, זיי פארגעסן אז די גרעסטע צדקה איז פארשפרייטן די ליכטיגע עצות פאר די גאנצע וועלט.

איך בעט דיר זייער, זיי זיך קובע צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש רש"י מיט'ן תרגום, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי און אזוי ווייטער.

אויך מאך זיך א שיעור אין משניות, זאג פרקים משניות; משניות וואשט אויס און רייניגט פון אלע שמוץ.

ועל כולם זאלסטו לערנען גמרא; א בלאט גמרא מוז מען לערנען אזוי ווי מען לייגט תפילין, מען קען זיך נישט פטר'ן מיט קיין תירוצים; נאר דאס בלייבט פונעם מענטש, נאר דאס וועט מיט קומען מיט אונז לנצח נצחים.

## ישועות אשר בנחל

מו"ה יואל אפענהיים הי"ו פון קרית ברסלב פארציילט: שוין א לאנגע צייט וואס איך וויל קויפן א הויז, און הערנדיג פונעם ראש ישיבה שליט"א איבער די הבטחה פון מוהרא"ש זי"ע אז ווער עס געבט פינף הונדערט דאלער צו דרוקן אשר בנחל וועט זען א זיכערע ישועה האב איך געגעבן פאר מו"ה לייב הי"ו א נדבה פון פינף הונדערט דאלער, אונטער א וואך שפעטער איז מיר אונטער געקומען די הויז וואס איך האב למעשה שפעטער געקויפט, און דער דיעל איז מיר געפאלן און א וואך שפעטער האט מען געסיינט קאנטראקט. איך האב שפעטער געהערט אז דער הויז האבן שוין זייער אסאך מענטשן געקוקט און געוואלט קויפן, אבער - פרעג מיר נישט וויאזוי - איך האב עס באקומען.

אבער דא הייבט זיך ערשט אן מיין מעשה, איך האב שוין א קאנטראקט, אבער איך קען נישט קויפן קיין הויז. איך פארדין זייער ווייניג געלט, איך האב נישט קיין געלט אין מיין באנק אקאונט, איך כאטש איך קען בארגן און אפשר אפילו באקומען דאס געלט אלס א מתנה אז די באנק זאל עס אננעמען, קען איך אבער נישט פלוצלינג אנהויבן פארדינען גענוג געלט צו ווערן אפראווד פאר א מארטגעדזש, איך האב עס דורכגערעדט מיט מו"ה אברהם יושע הי"ו וואס האט מיר געזאגט אז איך האב א גרויסע אישו, עס איז נישט קיין פשוטע מצב.

איך האב ווידער גערופן מו"ה לייבי הי"ו און איך האב אים געגעבן א פרישע נדבה פאר אשר בנחל, און דערנאך האבן מיר זיך ווידער געזעצט מיט מו"ה אברהם יושע הי"ו, און ב"ה מיר האבן געטראפן א מהלך וויאזוי אויסצוארבעטן אלעס, איך האב ב"ה געטראפן א פיינע דזשאב וואס האט מיר געקענט געבן באצאלט. און כאטש איך האב באקומען א קורצע צייט פון בלויז זעכציג טעג צו קלאוזן, האב איך ב"ה געקענט שליסן דאס הויז און עס אפקויפן בשעה טובה ומצלחת, אלעס אין זכות פון געבן צדקה פאר די הייליגע ספרים אשר בנחל וואס איז מגלה און מפרסם דעם אויבערשטן אויפן קלארסטן אופן.

**צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

נאך די געוואלדיגע אפקלאנג וואס די ערשטע צוויי בענדער לייט אף אמונה (וואס איז "עצתו אמונה" איבערגעטייטשט אויף ענגליש) האט געהאט אויף די אידישע גאס, ווי די מפיצים פארציילן ווערט עס צוכאפט אין גרויסן ביי די ריזיגע מאסן ענגליש רעדנדע אידן אין אמעריקע, ענגלאנד, ארץ ישראל און נאך, גרייט זיך יעצט דער קרן הדפסה אריינצוטראגן צום דרוק דער דריטער באנד.

עס איז איבעריג צו פארציילן פאר אנשי שלומינו די גרויסקייט און חשיבות פון דרוקן די הייליגע בריוו, און עס איז נישט קיין נייעס צו הערן ווי די ספרים האבן אויפגעוועקט אידישע קינדער פון שלאף נאכדעם וואס זיי האבן געזען די הייליגע ווערטער, וואס האט געטוישט זייער לעבן צום גוטן, הערנדיג די ווערטער פון הייליגן רבי'ן אז עס איז יא דא א וועג צו לעבן א געשמאקע לעבן אויף דער וועלט ווען אין די זעלבע צייט זיך איינקויפן מכל טוב וטוב מיטצונעמען אויף יענע וועלט, ווען מען לערנט דעם הייליגן רבינ'ס עצות וויאזוי מען קען האבן א זיסע לעבן מיט די משפחה און קינדער צוזאמען מיט די תורה, און מען כאפט זיך ווי די גאס וואס לעבט נעבעך אן די תורה, פארפאסן נעבעך ביידע סיי דער וועלט און סיי יענער וועלט. ווי דער רבי זאגט אז ווען דער אויבערשטער וויל שטראפן א מענטש, מוז ער אים צונעמען די אמונה, ווייל א מענטש וואס גלייבט אז אלעס וואס עס פאסירט איז לטובה, און קומט פונעם רחמנות'דיגער באשעפער, וועט קענען גרינג אריבערגיין אפילו די שווערסטע מצבים.

דער יעצטיגער באנד וועט גערופן ווערן "לייט אף אמונה, מהדורת אונגאר" נאכדעם וואס מו"ה בניהו אונגאר הי"ו האט געהאט די זכי' אפצוקויפן דער זכות, וואס וועט אים באגלייטן לעד ולנצח נצחים, אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט אלץ נאכזאגן פון הייליגן רבי נתן "צדקת צדק לעולם" וואס איז א צדקה וואס בלייבט אויף אייביג, "ותורתך אמת", אויב העלפט מען דרוקן די תורה פונעם צדיק האמת.

אנשי שלומינו וואס זוכן צו האבן די זכי' צו נעמען א חלק דארפן זיך שטארק צואיילן, ווייל דער הייליגער ספר איז געסקעדזשולט אריינצוגיין אין דרוק אין די קומענדיגע צוויי וואכן. רופט שוין דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו און קויפט זיך איין אן אייביגע זכות אינעם דריטן באנד לייט אויף אמונה, וואס וועט באלייכטן די וועלט מיט די ריינע אמונה.

# בילדער פון קרן הדפסה



דער ראש ישיבה באטראכט די קרית ברסלב בלעטל



געדרוקט פון דאסניי די נייע תיקון הכללי מיטעלע סייז



איבערגעדרוקט קונטרסים אין די רוסישע שפראך

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

- **שמעון רוטה** — קרית ברסלב
- **אברהם חיים וויזעל** — קרית יואל
- **שמעון גאנצפריעד** — בארא פארק
- **גדלי אפפעל** — קרית ברסלב
- **מאטי גפן** — מאנסי
- **שמעון עוזר גרינפעלד** — קרית ברסלב
- **יחזקאל זיגלער** — בארא פארק
- **אברהם טיקאלסקי** — דזשערסי סיטי
- **נחמן שמואל יאקאבאוויטש** — קרית ברסלב
- **יואל פארקאש** — קרית יואל
- **בנימין פאללמאן** — לעיקוואד
- **יצחק אייזיק קאהן** — קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה זאב סראלאוויטש הי"ו**
**וזוגתו מרים תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן האבן אסאך הצלחה אין שטעטל, און קענען ערציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו יענטא ריזל תחי'**
**צו די שידוך פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער וויטער געזונטערהייט.

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די שידוך פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער וויטער געזונטערהייט.

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה גדלי' אפפעל הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער וויטער געזונטערהייט.

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

**נארהאפטיגע פרישטאגס פאר קימפעטארינס דעליווערט צום שטוב**
**רופט מרת פינטער 347-415-2888**
**אדער מרת שטיינבערג 917-387-7838**

## תפילין גמ"ח

**אויב איר געבט בודק צו זיין אייער תפילין, אדער איר האט נישט אייער תפילין מיט אייך, קענט איר ארייינרופן בארגן תפילין פאר א טאג צוויי.**

**רופט 917-968-8316**

**לע"נ ר' משה בן ר' דוד ע"ה**



# Get care at home.

TELEHEALTH VISITS
WHEN A PHONE CALL IS ENOUGH

We accept most insurance plans

PRESCRIPTION REFILLS | STREP CULTURES | FLU & COVID/ RSV TESTING | SEASONAL ALLERGIES | EAR EXAMS | RASHES/ PINK EYE | URINE CULTURES | LAB-WORK

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030

Sun: 12pm-6pm | Mon-Thurs: 3pm-10pm
info@medease.care | medease.care

SERVICING BROOKLYN & CATSKILL AREAS



# די ערשטע סטאפ אויפן וועג אין קאנטרי

100

קרית ברסלב
ספרים
& judaica

Free Delivery with minimum order

מיר האבן א רייכע אויסוואל
פון אלע, Judaica, games
און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר
א רידיגע אויסוואייל פון אלע
סארטן זילבער פילד כלים.
**מיר זענען אפען א גאנץ יאר**

**שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס**

**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

**347.578.4449**

51 Twin Bridge Rd.
Liberty N.Y. 12754
left side entrance



HURLEYVILLE LEASING

STAY UP ALL NIGHT...
WITH 2024 NEXT-GEN CHEVY TRAVERSE
SELF DRIVE TECHNOLOGIES.



845-720-0041 SALES@HURLEYVILLELEASING.COM WWW.HURLEYVILLELEASING.CO



# HPA NATURAL HEALING

Treating; Burns, Mersa, Womens health, Cellulitis, etc..

IV ADMINISTRATION In the comfort of your home.

Call Mr. Samet 347-452-1936



DYNAGRAFIK 845.352.1266

# Delicate Rose
FINE LINGERIE

LIBERTY, NY | 347.693.7915

OPEN ALL YEAR ROUND
CALL FOR SUNDAY AND
EVENING APPOINTMENTS

CERTIFIED KAYE LARCKY FITTER

ABERGELE • VA BIEN • YOU • FITFULLY YOURS • GEMSLI • KAYE LARCKY



ש.ג. פליישמאן

# שיינער אין גראמען

צו הערן די געזאנגע
שיעור רופט
1-212-444-9169-
2-3-1-170
079-70- (א"י
(400-70

## "אזוי איז א מאמע...!"

ס'איז מאנטאג! נאך א שיעור אזוי געשמאק
שטארק דיך chosen, אידישע מאמע, חזק!
פילסט זיך צוקוועטשט און אויסגעדרוקט,
אין הימל דיין ארבעט איז ארויפגעקוקט!!!

דו דערטערנקסט זיך אט מיטן לעצטן שטרוי,
"זיין א מאמע, איך ווייס נישט וויאזוי..."
דארפסט נאכנישט קיין טערעפי אנאליז,
אז מען ווייסט נישט, אזוי א מאמע מען איז.

טאקע דאס איז די מאמישע אינסטינקט,
מען איז פארלוירן, מען ווייסט נישט אלעס פונקט.
זי, די טערעפיסט, מיט אנווייזונגען קומט,
אויף די books אלעס פונקטליך שטימט...

אך און ווי איז ווען מען ווייסט שוין אלעס,
מען פארגעסט מען איז אונטערן אייבערשטנ'ס בעלות.
ווען דיין בעיבי/קינד ווינען הערט נישט אויף,
ווין מיט, צום באשעפער קוק ארויף...

ביי דיין שוועגערין איז די זעלבע אינטערסאנט...
וואס ביי דיר נעכטן, געשעהט ביי איר היינט.
נישט פאלגן, קריגעריי, אדער עסן עקשנים,
יענע טיף טאפ פרוי האט די זעלבע גידול בנים.

אפילו דו זעהסט מעטשינג קליידער און זאקן
ווי סאלדאטן די קינדער מיט די מאמע וואקן.
אפשר האבן זיי פשוט פון פעטש מורא,
אינדערהיים באקומען זיי אפט פון די סחורה..

קלאפ דיך נישט אראפ – ביסט יא ביים זינען
דארפסט נישט נעמען פילן און וויטאמינען.
ווייך אדער שטרענג? נישט נאר דו ביסט צומישט,
אזוי איז א מאמע 'מען מענעדשט' נישט!

ווען עס טרעט דיר צו די קינדער'ס גערודער,
מיט א תפילה צום אייבערשטן ביסטו מסודר...:
"טאטע, איך בין פארלוירן, וואו אויף דער וועלט בין איך?
העלף מיר זען פירות אין מיין קינדער'ס חינוך..."

ל. וועבערמאַן

## מיט וועם טויש איך

# פעקל?

"לכבוד שבת קודש" פארגעס איך נישט צו זאגן בשעת איך שטופ דורך מיין וועגעלע אינעם גרויסן סופערמארקעט, איך שפאציר צווישן די פרישע פרוכט און גרינצייג - עפעלער, פיטשעס, בארן, פון אלע קאלירן, ווען פון אונטערגרונד הערט זיך רואיגע מוזיק וואס געבט צו צום "לכבוד שבת קודש מצב". צווישן אלע מענער, פרויען און קינדער, פראביר איך זיך צו קאנצענטרירן אויף מיין באשיידענע ליסטע.

מיטן בעסטן ווילן נישט צו קוקן אויף א צווייטן, איז עס געווען צו אויפפאלנד נישט צו באמערקן, עס איז געווען א קאפל וואס האט שטייטלעך שפאצירט נעבן מיר, וואס דער מאן האט זיך מיטן גאנצן געטריישאפט צוגעבויגן צו זיין ווייב פרעגנדיג "וואס שמעקט דיר?" מיט א ווייכע מינע פראבירט ער אפשר מער א ווארעמע זאך? אדער אפשר גאר א קלאטע אייסקריעם?"

די ווייב ציט אביסעלע צוריק מיט די אקסלען ווי א זיס געצערטלט קינד, ווי צו זאגן "איך ווייס נישט פונקטליך געפין מיר אויס די רעטעניש."

דער מאן זעט מיר אויס צו זיין ממש א חידוש, וויאזוי האט ער הלל'ס געדולד? וואוו ער האט צו זיין ווייב אזויפיל respect!

איך גיי מיר ווייטער מיין וועג פון איין אייל צום צווייטן, צוביסליך ווערט מיין וועגעלע פולער, ווען אינמיטן בין איך פארנומען צו האלטן רואיג





מיין בעיבי, איך זאל קענען ענדיגן מיין ארדער, נאכדעם דארף איך זען צו שאפן א וועג אהיים.

איך פראביר זיך צאמנעמען די קאפ זיך צו דערמאנען אויב איך האב עפעס פארגעסן, ווען איך יאג זיך שוין צו באצאלן צו קענען שנעל אנקומען אינדערהיים צו קענען אניאגן ווי מער פון מיין בארג ארבעט. איך וויל נאך זיין גרייט מיט די נאכטמאל אין צייט פאר די קינדערלעך און מיין מאן. בשעת מעשה בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל האבן שפע צו קענען באצאלן און צוריקבאקומען דאפלט אויף קומענדיגע וואך.

איך קען אבער נישט צוריקהאלטן מיין מח פון ווערן אוועקגעדרייט מיט די קאפל וואס איך טרעף דא אן נאכאמאל און נאכאמאל. דער מאן באגייט זיך מיט זיין ווייב ווי מיט זיידענע הענטשוך. אויך יעצט ביים באצאלן שטייען זיי פארנט פון מיר אין די רייע צו באצאלן, אפילו איך בין נישט נייגעריג אריינצוקוקן אין יענעם'ס לעבן קומט עס מיר קעגן, איך האלט מיט נאכאמאל ווי דער מאן רעדט אזוי הארציג און פרעגט איבער "ביסט זיכער ווילסט נישט נאך עפעס?"

שוין, די קאפל ענדיגט שוין באצאלן, און עס קומט מיין רייע. ערלעדיגט, באצאלט, און ברוך השם מיט תפילה האב איך געטראפן א וועג אהיים.

די אינצידענט איז מיר געווען אינטערעסאנט, אבער צופיל צייט אריינצוטראכטן האב איך נישט, איך דארף ווייטער נאכיאגן מיין סדר היום.

• • • •

"ברכי, וויאזוי גייט עס?" כאפ איך א טעלעפאנישע שמועס מיט מיין שוועסטער.

" ברוך השם פיין, איך וואש יעצט מיינע דישעס, און נאכדעם דארף איך זיך צויאגן, איך האב אפגעשמועסט מיט מיינע שכנים ארויסצוגיין, מיר האבן עס שוין איינמאל געטון, און שכח אייבערשטער עס האט זיך גוט אויסגעארבעט." דערציילט מיר ברכי אירע געשיכטעס.

"wow! אזעלכע באחדות'דיגע שכנים, יעדער קען זיך צושטעלן ארויסצוגיין צוזאמען, און מען קומט זיך דורך צו גיין צו די זעלבע פלאץ און צייט?" קען איך זיך נישט איבערקומען.

"ס'איז נישט ממש דא וואס צו מקנא זיין, איך בין בכלל נישט אלעמאל ביי די זעלבע מיינונג ווי מיינע שכנים און זיי האלטן אויך נישט אלעס פונקט ווי מיר, אבער ווייסט דאך - אידישע קינדער - ווען עס קומט צו אזא מצב ווערט שוין יעדער וואויל, פון רחמנות ווערן אלע סימפאטיש און מען איז שוין בעסטע חבר'טעס." לייגט ברכי אראפ די מצב שוין אזוי אביסל דראמאטיש.

"וואס הייסט צו אזא מצב? וועלכע מינע מצב רעדסטו?" פראביר איך צו פארשטיין

ברכי איז זיך אביסל מער מסביר און פארציילט פון איר שכנה וואס מ'האט לא עלינו געטראפן ביי איר א מחלה. עס האט ביי יעדעם ווייך געמאכט די סטרונעס פון הארץ. די ווייבעלע (לאמיר איר רופן מינדי) זי איז א בת יחידה ביי אירע עלטערן, מינדי איז אזוי איבערגענומען זי האט 'דריי קינדער', די דריי קינדער זענען נישט אזוי נאנט אין עלטער, און יעדע קינד איז ביי איר א טייערע אוצר, און זי קען נישט אויפהערן דאנקען דער אייבערשטער אויף דעם.

יעצט ווען מען האט ליידער געטראפן די מחלה האט זי געדארפט שיקן אירע קינדער צו איר מאמע פאר א לענגערע צייט, מינדי דארף גיין אסאך אין שפיטאל פאר באהאנדלונג און ס'גייט דורך וואס גייט דורך, דער אייבערשטער זאל איר שיקן א רפואה שלימה.

ברכי מיט אירע שכנים האבן זיך צאמגענומען צו גיין באזוכן אין שפיטאל, זיי זענען קודם אריין צו וואל-מארט קויפן אינטערעסאנטע נאכט העמדער מיט שמאטעס צו קענען מקיים זיין דעם מילי שטותא ווען זיי גייען אריין אין די שפיטאל צימער פון די טייערע שכנה, אזוי ווי דער רבי זאגט אז מ'זאל זיך אפילו נאריש מאכן אבי צו זיין פרייליך.

זיי האבן דארט געטאנצן און געזונגען און זיך געמאכט גוט נאריש, ביז די גאנצע לופט ארום איז געווארן אויפגעלאזט, די מרה שחורה וואס דאקטוירים האבן אפט ליב אריינצוברענגען האט מען פארטריבן.

ברכי ענדיגט פארציילן אז זיי גרייטן זיך צו נאך אזא באזוך אין שפיטאל, און א גוטע נאכט. מען וועט נאך רעדן...

איין מינוט, עפעס א רעטעניש הייבט זיך אן צאמשטעלן אין מיין מח, די סופערמארקעט ווי איך האב איינגעקויפט פאר שבת איז נאנט צו מיין שוועסטער'ס הויז. די קאפל וואס איך האב געזען איינקויפן - דער מאן איז אזוי געטריי צו די ווייב - דארף צו זיין יענע שכנה וואס איז נעבעך נישט געזונט.

אקעי, אקעי... ס'איז גארנישט קיין רעטעניש, ס'איז זייער קלאר די גאנצע מעשה.

די קאַפל איז געווען אויפן וועג ארויס פון הויז צום שפיטאל נעבעך, די ווייב האט געדארפט גיין פאר ווייטערדיגע באהאנדלונגען, זי איז געווען שטארק אפגעשוואכט און דער מאן האט זייער רחמנות געהאט אויף איר, אפשר דאך וועט אים געלונגען איר צו אויפלעבן צו האבן אפעטיט צו עסן.

ווען א איד זעט דעם צווייטן אין א אומבאהאלפענע מצב וועט ער פארגעסן פון זיך און פון די אייגענע כבוד, עס וועט ארויפקומען די געפילן פון העלפן יענעם און אים טון סיי וואס ס'פעלט אויס.

• • • •

רעכל מעכל שטייען ביידע אין קעכל,
מיט אן איינגעפאלענעם דעקל,
ווי עס טראפט אריין וואסער פון א דעכל.

מעכל זוכט נאר צו געבן א שטעכל,
פון זיינע שלעכטע מידות ליידט רעכל.

פון כעסווארפט ער אויף איר אן עפל,
אדער ווערט זי באגאסן מיט וואסער פון א טעפל.

זי ציטערט אנצורירן ביי אים די אומריכטיגע קנעפל,



ווער ווייסט באלד קומט זיך ארויס מיט א געשפאלטענעם קעפל.

"דו האסט געלאזט די קינדער איבערדרייען"

הערט זיך זיינע געשרייען.

"די באלאטעס קלעבן"

"דו קינדער לאזט דו נישט לעבן."

"די עסן איז שוין צו קאלט"

"דו דארפסט פארשטיין וואס מיינט ביי מיר **איך קום באלד**."

רעכל איז צומישט,

וואס צו טון ווייסט זי נישט.

• • • •

מוהרא"ש זאגט: "זיך גט'ן איז נישט די עצה."

דער ראש ישיבה זאגט: "טערעפי העלפט נישט."

דעמאלט וואס יא? וויאזוי קענען מיר העלפן רעכל ארויסקריכן פון איר פלאנטער? זי קען אזוי נישט אנגיין אין לעבן.

(אוודאי אז א מענטש ליידט פונעם צווייטן - און אסאך מאל קען נאך יענער מאכן פילן ווי דו ביסט דער שלעכטער - מוז מען עס זאגן פאר א ערליכן איד און נישטווארטן ביז ס'קראכט), אבער לאזמיר רעדן פון די עצה וואס 'מיר' קענען געבן פאר רעכל וואס איר טייערער מעכל איז פארפלאנטערט מיט זיינע שלעכטע מידות וואס לאזט אים נישט קיין מנוחה אין לעבן.

קוק אן מעכל'ס שלעכטע מידות ווי א מחלה, נעבעך ער איז שטארק אפגעשוואכט (בנפש), זיין אייגענע כאראקטער בינד אים אין קייטן, ער קען נעבעך נישט הנאה האבן פון א געזונטע לעבן, האב אויף אים רחמנות, אזוי ווי די קאפל פון סופערמארקעט, דער מאן איז געווארן נערוועז פון זיין ווייב אז זי האט נעבעך א מחלה? ניין, אפילו ס'קומט אים אן שווער, און ער קען נישט אנהאלטן געהעריג זיין ארבעט, נאר פונקט פארקערט, קוק עס אן מיט א בליק פון רחמנות. פראביר צו דערגיין וואס קען אים בארואיגן, בעט ביי די ליכט און ביים חלה נעמען "באשעפער מיין מאן זאל אויסגעהיילט ווערן פון זיינע שלעכטע מדות" און בעט אויך "באשעפער איך זאל אים קענען העלפן ארויסקומען פון זיין מצב, אנשטאט צו ווערן באליידיגט און דערשראקן קענסטו ווערן די שטארקע, און געזונטע וואס פראבירט אלע עצות צו העלפן דעם צווייטן, זיין כעס אויסברוכן אדער אנדערע פראבלעמען זאל ביי דיר ווייך מאכן די הארץ, אזוי ווי דער מאן אין סופערמארקעט וואס זיין הארץ צוגייט ווען ער זעט זיין ווייב און אירע פראבלעמען.

אז מעכל האט טענות וועגן די קינדער קען רעכל זאגן "די קינדער האבן טאקע איבערגעדרייט, און זייער וויינען און שרייען האט מיר ארויסגענומען מיין גאנצע כח איך קען טאקע יעצט נוצן העלפ צו לייגן שלאפן און אויפראמען"?

אז מעכל'ס טענות איז וועגן די נאכטמאל, אנשטאט צו ווערן צובראכן און צושטאכן, פלאן אויס די נאכטמאל לויט זיינע עצות, אדרבה זאל ער אויסשמועסן.

און אז רעכל ווערט באוואשן פון מעכל'ס קולות און קללות זי ווערט כמעט פארשוועמט, שווים ארויס פון די ריזיגע כוואליעס און בעט אים צו רעדן שיין ווייל אזוי קענסטו אים הערן און פארשטיין. בקיצור, די עיקר נוץ דיין בינה יתירה וויאזוי צו אנקומען צו זיין הארץ, וואס וועט אים פארגרינגערן ארויסצוקומען פון זיין מחלה.

... און ווייטער האבן רעכל און מעכל געהאט א גוט לעבן...

לאמיר יעצט צוריקגיין א מינוט צו אונזער קאפל אין סופערמארקעט, ווען א ווייבעלע קוקט דאס צו וואלט זי געקענט אויסגיין פאר קנאה צו זען דער מאן טשעטשקעט זיך אזוי מיט זיין ווייב, ער באגייט זיך מיט זיידענע הענטשוך, וואס בין איך וויניגער אז איך דארף זיך אליין פארען מיט די בעיבי און א וועג אהיים, אפשר וואלט מיין מאן מיר געדארפט פירן אויף א גאלדענע טאץ און מיר פרעגן מיט וואס ער קען מיר העלפן.

די ווייבעלע וואס איז נעבעך נישט געזונט טראכט פונקט פארקערט. הלוואי... הלוואי... ווען איך קען זיך אליין פארען מיט מיינע קינדער ווי אין די גוטע צייטן. הלוואי איך קען זאגן פאר מיין מאן "קענסט רואיג גיין דאווענען, לערנען און ארבעטן, און איך וועל זיך שוין אן עצה געבן, זעט מען פון דעם אז ס'איז נישטא וועמען צו מקנא זיין.

• • • •

א תפילה א קליין,
צו דיר טאטע מיין.
עס זאל זיין דיין ווילן,
זאלסט מיין הקשה ערפילן.

עס זאל אויך מיר נישט זיין קיין קנאה,
ח"ו פון איינעם א שנאה.
איך זאל נישט מקנא זיין א צווייטן,
מיט יענעמ'ס פעקל וויל איך נישט בייטן.

איך זאל מיר נישט רעגן היינט,
נאר גיין מיט א פנים וואס שיינט.
איך זאל פארשטיין יענעמ'ס פראבלעם,
מיט הארץ און געפיל רעדן צו אים.

איך זאל נישט דערצערענען מיין טאטע, מיין קעניג,
נאר איך זאל פאר דיר זיין אונטערטעניג.
פונעם יצר הרע טוה אונז ראטעווען,
ער זאל אויך אונז נישט בעל הבית'עווען.

ער זאל מיין לעבן נישט מאכן שווארץ,
הכנעה און ענוה לייג אריין אין מיין הארץ.
פון דיין נאמען זאל שוין יעדער וויסן,
און מיט דיר זאל זיין אונזערע שמועסן.

די גלות וויל אונז פאר'סמ'ן,
ווען נעמסטו דיינע שעפעלעך צוזאמען?
פון גלות ווילן מיר שוין ארויס,
זאלסט אונז שוין פרייליך מאכן אין אונזער הויז.



# ישועות פון תפילה

**ח. ד. פסח**
**ירושלים**

פארגאנגענעם וואך דאנערשטאג אינדערפרי האט זיך אפגעהאקט די לעקטער אין אונזער געגנט, עס איז ערב שבת מען דארף אלעס צוגרייטן לכבד שבת און אן לעקטער קען מען גארנישט טון.

איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן, באשעפער העלף עס זאל זיין לעקטער כדי מען זאל קענען צוגרייטן אלעס לכבוד שבת.

שכח אייבערשטער נאך א האלבע שעה האט די לעקטער אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן.

שפעטער זענען אונז געווואר געווארן ווי גרויס איז דער כח פון תפילה, די לעקטער האט זיך אפגעהאקט אין די גאנצע געגנט ארום, און אין זכות פון בעטן דעם אייבערשטן איז צוריק געקומען די לעקטער נאר ביי אונז אין גאס.

**ד. פ.**
**קרית יואל**

איך האב געהאט א קינד ברוך השם, ביים איבערגיין וועלכע נאמען צו געבן פארן קינד האב איך געטראכט צו זיך אז איך וויל זייער שטארק געבן א נאמען נאך מיין טאטע וואס איז אוועק אינג לא עלינו, אבער מיין שווער האט געטראכט צו געבן נאך זיין טאטע וואס האט נאך געלעבט דעמאלט, אבער איז דאן געווען א גוסס.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די זיידע זאל בלייבן לעבן און האבן אריכות ימים וטובים, און אזוי וועט מען נאך קענען געבן א נאמען פאר קינד נאך מיין טאטן. שכח אייבערשטער אז מיין זיידע איז געבליבן לעבן, און איך האב געקענט געבן א נאמען נאך מיין טאטן.

**מ. קורדובה**
**ביתר**

1. איך האב געוואלט הערן ניגונים אויף מיין MP3 אבער ס'האט זיך נישט אנגעצונדן, איך האב פראבירט נאכאמאל און נאכאמאל און אודך ס'ארבעט נישט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און אויך האב איך צוגעזאגט צו ארייננשיקן א מעשה פון תפילה. שכח אייבערשטער אפאר מינוט שפעטער האט זיך עס אנגעצונדן ממש תחיית המתים!

2. איך האב געוואלט באקן עקסטערע סארט בולקעס, איך האב נישט געדענקט ווי ס'ליגט די רעצעפט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. שכח אייבערשטער איך האב עס טאקע געטראפן!

3. איך בין געווען ביי א געשעפט פון קליידער, איך האב געטראפן א קלייד וואס איך האב ליב געהאט אבער ס'איז נישט געווען מיין סייז. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא טרעפן מיין סייז. שכח אייבערשטער איך האב געטראפן באגראבן מיין סייז אונטער א גאנצע פאק פון קליידער!

שכח אייבערשטער פאר אלע גוטס!



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com





# די נעגל וואסער געשיכטע

ש. טראכטער

"שוין ווידער?" האב איך זיך גערעגט אויפ'ן קול, "מאמי איך וויל מער נישט שלאפן מיט פריידי אין איין צימער." האב איך דערקלערט.

פריידי איז מיין יונגערע שוועסטער. צומאל וואונדער איך זיך אויב חוץ פון די פאקט אז מיר וואוינען אין איין שטוב, האבן אונז נאך עפעס ענליכקייטן. סיי אין אונזער אויסזען זענען מיר זייער אנדערש, אבער נאכמער זענען מיר אזוי אנדערש אין נאטורן.

מיינע חבר'טעס רופן מיר א 'פערפעקשאניסט'. עס איז דא א שטיקל אמת דערין. איך בין זייער א פונקטליכע און אויך זייער א מסודר'דיגע.

איך גלייך ווען אלעס איז צוזאמגענומען, אויפגערוימט און מסודר. עס שטערט מיר זייער ווען די שאפעס זענען נישט שיין און מסודר. איך גלייך נישט ווען די קאונטער איז אנגעלייגט מיט זאכן. איך ווער זייער אויפגעברויזט ווען מיינע געשוויסטער לאזן איבער שיריים ארום די גאנצע הויז.

מיין שוועסטער פריידי איז זייער אנדערש ווי מיר, אויך אין די פרט. זי איז א זארגלאזע, פרייליכע און לופטיגע מיידל, וואס געט אלעמאל ארויס א פאזיטיווע לופט ארום זיך, נישט קיין וואונדער אז אלע מיידלעך ווערן צוגעצויגן צו איר. ווען איך וואלט געווען אין איר קלאס וואלט איך אויך זייער הנאה געהאט פון איר. וואס זאל איך אבער טון אז איך בין נישט איר חבר'טע נאר איר שוועסטער וואס שלאפט אין איין שטוב מיט איר? און וואס זאל איך טון אז פריידי איז אזוי אנדערש ווי מיר און איר שטערט נישט אז די וועש זיצן נישט גראד אין שאפע?

פריידי מאכט טאקע איר בעט אינדערפרי, אבער אזוי אבי געמאכט. אלעמאל וועלן ליגן זאכן אויף איר בעט, ווי צום ביישפיל א העפט, פאפירן.

פריידי'ס לעדל איז כסדר איבערגעפולט מיט זאכן, ביז עס רינט ממש ארויס. איין טאג האב איך אויפגעהאנגען א צעטל אויפ'ן טיר פון אונזער שלאף שטוב, "שטעל זיך פאר וואספארא ריינע וועלט מיר וואלטן געהאט אויב יעדער לייגט אוועק זייערע אייגענע זאכן."

איך האב געהאפט אז אפשר וועט מיין טייערע שוועסטער עס באמערקן און זיך לערנען א לערע דערפון, אויב זי האט עס אבער באמערקט האט זי נישט געמאכט קיין שום עסק דערפון און זיכער זיך נישט צו טוען געמאכט דערפון.

איך האב אלעס אראפגעשלינגען ביז "די מעשה מיט די נעגל וואסער."

איין אינדערפרי שטיי איך אויף און איך גיס זיך אפ נעגל וואסער. דערנאך טרעט איך אראפ פון בעט, אנטשולדיגט, אריין אין א ים סוף. איך קוק זיך ארום, וואס גייט דא פאר? פריידי איז שוין נישט אינדערהיים, איר באס קומט פריער ווי מיין באס, אבער איך זע פיסטריט פון איר. עס קוקט אויס ווי פריידי'ס נעגל וואסער האט זיך אויסגעגאסן, אבער פריידי האט נישט געהאט קיין צייט אדער נישט באמערקט אז די וואסער גיסט זיך, און איז איינפאך ארויס איבערלאזנדיג די ים סוף פאר מיר זיך צו ספראווען דערמיט.

איך בין געווארן זייער אויפגעברויזט. עס איז נישט קיין יושר, בלית ברירה האב איך גענומען א האנטוך און אויפגעווישט פריידי'ס נעגל וואסער

אויפצומארגנס באמערק איך צו מיין שטוינונג אז די מעשה האט זיך איבערגע'חזר'ט. וואסער גיסט זיך, פריידי איז נישטא און איך בין מכובד ווידער נאכצורוימען נאך מיין יונגערע שוועסטער.

ווען די מעשה האט זיך אפגעשפילט א דריטע מאל האב איך שוין באשלאסן עד כאן! איך האב ארויסגעשטורעמט פון מיין צימער און געמאלדן פאר מיין מאמע, "אדער פריידי אדער איך."

איך האב ערווארטעט א שמועס פון מיין מאמע וואס איך קען שוין כמעט פון אויסנווייניג. מיין מאמע זאגט מיר כסדר, כשם שפרצופיהם שונים - כן דעותיהם שונים - פונקט ווי די פנימ'ער פון יעדע מענטש איז אנדערש אזוי איז אויך מיט זייער מיינונג, יעדע מענטש טראכט און פילט אנדערש. מיין מאמע וועט מיר געוויס מסביר זיין אז יעדע נאטור האט מעלות און מעלות (ווי דער ראש ישיבה זאגט) און אז יעדע מענטש האט א נקודה טובה וואס א צווייטער האט נישט און די שיינקייט איז צו זען די נקודה טובה פון יענעם, דאס איז אייגנטליך די עבודה אין לעבן. מיר באגעגענען זיך כסדר מיט מענטשן מיט אנדערע נאטורן, קיינער איז נישט ווי מיר, ווייל איך בין דאך אן "עולם מלא" א אייגן פולע וועלט. יעדע מענטש איז איינציג און אייגנארטיג.

יא, איך ווייס אז קוקן אויף די האלבליידיגע גלאז איז נישט קיין קונץ, עס איז א חסרון.

דאס אלעס האב איך געטראכט אז מיין מאמע וועט זאגן, אבער מיין מאמע האט מיר נאר געזאגט איין זאך, "אפשר קענסטו איר דן זיין לכף זכות?"

"מיט וואס?" האב איך געפרעגט מיט ביטערניש, "אז זי האט זיך געיאגט און זי האט פארגעסן, אבער זי האט געדענקט אז זי האט א וואוילע שוועסטער טויבי וואס וועט געוויס אויפווישן דאס וואס זי האט אנגעווארפן?

מיין מאמע האט געווארט איך זאל זיך בארואיגן און איבערגעזאגט, "וויאזוי קענסטו איר דן זיין לכף זכות? אפשר האט זי עס נישט געטון?"

"ווער דען?" האב איך געפרעגט שאקירט, "א מלאך פון הימל? א פייפ האט געפלאצט פונקט יענע צייט, דריי טעג אין א ציי?"

די קשיא איז געבליבן הענגען אין די לופט, איך האב זיך געיאגט, ווייל אט אט קומט מיין באס.

יענע טאג ביי ריסעס האב איך געטראפן מיין שוועסטער פריידי, איך בין נאך געווען אויפגעברויזט פון די נעגל וואסער פרשה.

"פריידי" פרעג איך מיט פארדרוס "פארוואס טרעף איך שוין דריי טעג א ים סוף אין צימער? אויב דיין נעגל וואסער גיסט זיך אויס, פארוואסווישסטו עס נישט אויף?"

פריידי האט געקוקט אויף מיר מיט אן אומפארשטענדליכע בליק. זי האט באמת נישט געוואוסט פון וואס איך רעד, "וואספארא וואסער?"

"פריידי, וואס מאכסטו זיך אומוואוסנד?" האב איך זיך געערגעט "זאג מיר נישט אז דו ווייסט נישט פון וואס איך רעד."

אבער פריידי האט נישט געוואוסט, זי האט גע'טענה'ט אז די צימער איז געווען טריקן ווען זי איז ארויס.

די וואסער איז געבליבן א מיסטעריע.

ביז די נעקסטע אינדערפרי.

דעם נעקסטן אינדערפרי האב איך זיך אויפגעוועקט (נאך וואס פריידי איז שוין ארויס) און איך האב גלייך געקוקט אויפ'ן פלאר, טאקע טרוקן, אינטערעסאנט.

איך האב זיך געשווינד אפגעגאסן נעגל וואסער. פלוצלינג זע איך פאר מיינע אויגן.... א ים סוף...! וואס גייט דא פאר?

איך קוק נענטער און איך באמערק... א שפאלט אין "מיין" נעגל וואסער שיסל, וואס פון דארט רינט ארויס וואסער...! איך האב זיך פארדרויטלט פאר זיך אליינס און זיך געלערנט א דאפלטע לעקציע:

די חסרון וואס דו זעסט ביי יענעם, איז זייער אפט דיין אייגענע חסרון, און יא "הוי דן את כל אדם לכף זכות" אפילו דו ביסט זיכער אין יענעם'ס אומרעכט!




ראש חודש אלול גורל: דינסטאג שופטים 6:30 נאכמיטאג דורכרופן 212-444-9191 #5

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## אַ גֶעפִּיל אִין רֶבִּי'ן

וֶוער עֶס קֶען דֶעם נִיגּוּן זָאל מִיט זִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ" X 2

וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם לִיד?

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, פַּרְשַׁת נִצָּבִים שְׁנַת תקס"ב, הָאט עֶר גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי זְמִירוֹת וִוי דֶער רֶבִּי זִינְגְט מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיךְ פָאלְגְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען פַאר זִיךְ אַ נֵייעֶם שַׁיין, אַ נֵייעֶם לִיכְטִיגְקֵייט

נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען אַלֶע גֶעסְט זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'וִוי קֶען אִיךְ יֶעצְט גֵיין שְׁלָאפְן?' עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ מוּז יֶעצְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְן אַ גֶעפִּיל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין רֶבִּי'ן'

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם בּוּג, בּוּג אִיז אַ נָאמֶען פוּן אַ טַייךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב; רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט בַּיים טַייךְ בּוּג אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְץ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, לָאמִיר בֶּעטְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן טוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אִין אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן מוֹרָא הָאבְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַלֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען: "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ", הֶעכֶער! "אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ"



**צִינְד עֶס אָן אִין מַיין הַארְץ**

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען אריינגיין אין די גורל און געוואונען, שכח אייבערשטער איך האב געוואונען

*חנה קורדובו, ביתר*

איך האב געהאט א נייע פען, ס'האט פיין געארבעט. ביז איין טאג זע איך אז ס'ארבעט מער נישט, ווען איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארבעטן האט עס געארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל שוין געהעריג אנהייבן צוריק צו ארבעטן.

שכח אייבערשטער ס'האט אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן א מחי'.

*פייגי ווייגבערג, קרית ברסלב*

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן צו האבן ארטס און קרעפסט כדי צו קענען מאכן שיינע זאכן פאר סוכות, שכח אייבערשטער מיין מאמע האט אונז געקויפט.

*שרה און מלכה ווייגבערג, קרית ברסלב*

איינע פון מיינע קאזינ'ס האבן ברוך השם געהאט א בעיבי, איך בין געווארן זייער פריילך, איך האב געוואלט מיטהאלטן די שמחה.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען גיין צו א וואכנאכט פון די קאזין.

שכח אייבערשטער איך האב געקענט גיין.

*נחמן נתן אוירבאך, קרית ברסלב*

איין טאג בין איך אראפגעפאלן, און איך האב מיך צוקלאפט מיין פוס, ס'האט אנגעהויבן שטארק ווי' צו טון. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיין פוס זאל נישט מער וויטון.

שכח אייבערשטער ס'האט זיך שנעל אויסגעהיילט.

*שלום פרידמאן - קרית ברסלב*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.
און גייט אריין אינעם גורל קומענדיגן חודש.

צו איבערהערן וויאזוי מען ציעט ארויס דעם גורל חודש אב
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# געמאלן

א מעשה פון תפילה



גיימיר צום
באזאר



אייבערשטער
העלף איך זאל
טרעפן שיינע
קליידער



שכח
אייבערשטער
איך האב
געטראפן
הערליכע
קליידער

געמאלן דורך:
ריזי וועבערמאן תחי'



איך קוק ארויס
פון באס, אוי
ס'רעגנט



אייבערשטער
העלף ס'זאל
נישט רעגענען



שכח
אייבערשטער
ס'רעגנט
נאמער

געמאלן דורך:
יוטי וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# משפחת גליק

פאמיליע גליק פארציילן:

טייערע לעכטיגע ברסלב'ער קינדער! מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר צוזאמען אריינגיין אין די הויז פון "משפחת גליק" און מיטהאלטן אלעס וואס גייט פאר דארט אינדערהיים, די אינטערעסאנטע פאסירונגען וואס שפילט זיך דארט אפ

צום ערשט, לאמיר זיך באקענען מיט די מיטגלידער פון משפחת גליק:

**טאטי** - איז א סופר, ער גלייכט זייער צו פארציילן שיינע מעשיות פאר זייער וואוילע קינדערלעך

**מאמי** - זי קען זייער גוט באקן, זי באקט קעיק'ס פאר שמחות און פאר יעדע שבת, מען טראגט עס אין גראסערי'ס צו פארקויפן. פארשטייט זיך אז "משפחת גליק" האבן אויך הנאה פון די פיינע געבעקסן

**צירי** - איז 11 יאר אלט, זי גייט אונז מיטן אייבערשטנ'ס הילף פון מאל צו מאל פארציילן ווי זי שטארקט זיך צו זיין א ערליכע וואוילע מיידל

**מענדי** - איז אכט יאר אלט, אויך ער וועט אונז מיטטיילן פון זיינע איבערלעבענישן און פארמעסטונגען

**וועלוועלע** - איז זעקס יאר אלט, א פרייליכער זיסער אינגעלע

**הענדי** - איז פינעף יאר אלט, זי גלייכט זייער ווען איר געטרייע שוועסטער צירי פארברענגט מיט איר, און הערט איר אויס

**נתי** - איז צוויי יאר אלט, ער מאכט פרייליך די גאנצע משפחה מיט זיינע זיסע חכמה'לעך.

יעצט, נאכן זיך באקענען מיט די זיסע קינדער וואס נעמען אונז אריין אין זייער הויז און זענען גרייט אונז מיטצוטיילן מיט זייערע איבערלעבענישן, לאמיר הערן וואס פאמיליע גליק האט צו פארציילן

●

צירי פארציילט:

א גוטן טייערע קינדער! איך וויל מיטטיילן מיט אייך א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר די פארגאנגענע וואך:

איך בין געזעצן ביים טיש אין מיידל צימער, און געמאלן א שיינע בילד פון א ים מיט א שיף און א הערליכע זון אונטערגאנג

פלוצלונג הער איך אויסרופן "א גוטן טאג!"

'העי! עס איז מיין טאטנ'ס קול! ווי קומט ער דא אינמיטן טאג? געווענטליך קומט ער אהיים מער אין אוונט!' אזוי פארוואונדערט האב איך זיך אויפגעשטעלט און ארויס צו די דיינינג רום

מיין מאמע איז דארטן געשטאנען און איבערגעגעבן באקסעס קעיק פאר מענדי, וואס האט עס אראפגעטראגן אונטן צו די קאר

מיין טאטע רופט זיך אן: "איך טראג יעצט אפ די באקסעס צו א בר מצווה, איינע פון די קינדער קען מיטקומען!"

"איך וויל גיין!!!" - האב איך און מענדי אויסגערופן מיט איין מאל, און דערווייל וואס מיין טאטע האט געלעגט נתי, געשמייכלט צו הענדי, און אויסגעהערט וועלוועלע'ס קוואל פון מעשיות וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט, איז ביי מיר אין הארץ פארגעקומען א העפטיגע מלחמה, צווישן דער יצר הרע, און דער יצר טוב

פאר איין מינוט, בין איך געווען אנטשלאסן: "איך וועל גיין, גייט מיר נישט אן פון מענדי!" גלייך דערנאך האב איך געטראכט:

## ל. סאקס

"עס קומט זיך אבער פאר מענדי, ער לערנט די הייליגע תורה!"

"אבער וואס עפעס" - האט דער יצר הרע נישט נאכגעלאזט - "ער קען גיין אן אנדערע מאל, איך וויל גיין! זיכער וועט טאטי דערציילן שיינע מעשיות אויפן וועג, ער וועט מיר אויסהערן, עס וועט זיין אזוי גוט! איך טאר עס נישט פארפאסן!"

"אבער אפשר מענדי טראכט אויך די זעלבע זאך" - האט א דינע קול מיר גענודשעט. איך האב אוועקגעשטופט די מחשבה, איך האב נישט געוואלט טראכטן פון מענדי, איך האב געוואלט גיין און שוין!

איז וואס זאגט איר, טייערע קינדער? וואס האט זיך מיר געלוינט צו טון?

מיטן אייבערשטנ'ס הילף, די קומענדיגע וואך וועל איך אייך פארציילן וואס איך האב אויסגעוועלט צו טון, און וואס איך האב זיך געלערנט פון דעם

צום ווידערזען!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

די הייליגער רבי האט געזאגט: "און אז די דאוועגען האט א פנים ווי א שיך מיט דריי עקן - דארף מען זיך אויך מחי' זיין."

## ברסלב'ע חידות

**ווער עס וויל זוכה זיין צו תשובה זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן**

א. משניות
ב. מוסר ספרים
ג. תהלים
ד. שטותים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: מען דארף זיך נישט מבלבל זיין פון גארנישט, "ווי מען טוט טוט מען, אבי מען טוט נישט קיין שלעכטס חס ושלום"

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך קען שמעקן, אבער עס האט נישט קיין נאז?**

געברענגט צו אייך דורך: ר' אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**יז. כְּשֶׁיֵּשׁ לָאָדָם מִתְנַגְּדִים לוֹמְדִים וַעֲשִׁירִים גְּדוֹלִים, דַּע שֶׁזֶּה נַעֲשָׂה מֵחֲמַת שֶׁנָּפַל כַּמָּה פְּעָמִים מֵאֱמוּנָה.**

וֶוען לוֹמְדִים אוּן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים קְרִיגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעוָוארְן שְׁוַואךְ אִין זַיין אֱמוּנָה.

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**הייליגע באשעפער העלף איך זאל קענען פארן צום רבי'ן ראש השנה!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ק | ד | י | ז | ג | ע | ב | נ | ל |
| ז | ב | נ | י | ד | ר | ה | א | ט | ה |
| י | א | ו | נ | א | י | מ | י | ו | פ |
| י | ח | ת | פ | ו | ו | י | כ | י | ה |
| נ | נ | ה | י | נ | ר | י | ו | ד | י |
| ס | ע | י | ע | ב | א | א | פ | א | י |
| ט | ב | מ | י | ל | ל | כ | ה | ט | ל |
| ו | ע | פ | ע | ז | ו | צ | נ | ה | י |
| נ | מ | ר | ב | י | פ | ו | נ | ל | ג |
| ל | ו | ק | ע | ד | י | ג | ע | א | ע |
| ו | ג | ו | מ | צ | א | ע | ה | ט | ר |
| א | ו | מ | ע | ר | ו | ז | ק | ו | ח |
| ש | ת | ע | ח | א | ת | א | ד | ב | צ |
| ת | פ | נ | ר | י | ג | ג | צ | ה | י |
| ו | ד | ר | מ | כ | ס | ט | ל | א | ס |
| י | א | ל | ו | י | ל | ו | א | ת | ר |
| ת | ס | ו | ו | ט | כ | י | ו | א | מ |
| ח | ג | ר | נ | ט | ה | כ | י | ע | ה |
| ת | א | נ | ג | א | ז | מ | ד | ג | ל |
| ז | צ | ז | ת | י | ק | ו | נ | ע | נ |
| ס | ו | ל | ע | נ | ג | ק | נ | ל | ר |

דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאגן דעם תיקון הכללי, און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, "וועל איך מיך לייגן אויף די לענג און אויף די ברייט אים א טובה צו טון, ביי די פיאות וועל איך אים ארויס נעמען פון שאול תחתיות"

*(עצתו אמונה מטו"א תשע"ח)*

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




מרדכי פאפנהיים



אליעזר שלמה שטיינבערג



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש



יוטי און שרי שטיינבערג



אדי סאמעט



משפחת פעקעטע

# 12 דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

פארזעצונג פון פאריגע וואך: מוֹהֲרָא"ש זי"ע אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן מִילִיטֶער, נָאכְן נִישְׁט גוט שְׁפִּירְן בַּיים דָאקְטֶער וִויזִיט.




גענומען מיט רשות פון 'שיר ברסלב'

# ווער געדענקט נאך?

די אלטע שול אין אומן ס'איז געווען
אין די ערשטע בילדינג....יוווש קוים
אפאר הונדעט מענטשן האבן
געפיט.........זכרונות...



## דעם רבינ'ס שול

ביהמ"ד היכל הקודש אומאן

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

מאכט די זכרונות פון די קומענדעגע יארן א ריאליטעט!
פארבינדט אייך היינט מיט די עסקנים און פארזיכערט אייער פלאץ אין היסטאריע!

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



תפילין לייגן פון הבחור חיים יושע נ"י בן מו"ה וואלף שטערן הי"ו



בר מצוה פון הבחור חיים יושע נ"י בן מו"ה וואלף שטערן הי"ו

קרעדיט: אייזיק ראטה



דער ראש ישיבה אויפן וועג צום פארק מיט די בחורי הישיבה

קרעדיט: שמעון פיש



דער ראש ישיבה שליט"א ביים איבערגיין די פלענער ביים נייעם בנין בית התבשיל





**סיום פון הבחור אלי' נ"י בן מו"ה בנציון לאנדא הי"ו**

קרעדיט: יוסי פרערויא











**מלוה מלכה אינאיינעם מיט שבע ברכות פאר החתן לוי יצחק האראוויץ הי"ו**

קרעדיט: יוסי פרערויא, נפתלי זאבעל, שמעי וואקס



**אנשי חיל מסיבה אין היכל ראזענבערג**





**מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק ואתחנן**



**דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט מו"ה אברהם חיים פארקאש הי"ו**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**דער ראש ישיבה שליט"א באגריסט זיך מיט מו"ה זעליג פיש הי"ו**

קרעדיט: יוסי פרערויא










**פרייליכע התונה פון החתן לוי יצחק האראוויץ הי"ו עב"ג בת מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל**

קרעדיט: שלמה יואל שניצלער, שמעון פארטוגאל, שמעון פיש





**לחיים פון החתן וואלווי זעלקאוויטש ני"ו עב"ג בת מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**

קרעדיט: שמעון פארטוגאל



ברית פון הילד יצחק יודא נ"י בן מו"ה משה גאטליב הי"ו

קרעדיט: משה איינהארן



וואכנאכט פון הילד יחזקאל ני"ו בן הרב אלחנן רוטה שליט"א





ברית פון הילד יחזקאל ני"ו בן מו"ה אלחנן רוטה שליט"א

קרעדיט: שמעון פארטוגאל



תלמוד תורה ירושלים





ניחום אבלים ביי מו"ה יודל דעפריס הי"ו וואס איז געזיצן שבעה נאך זיין טאטע ע"ה

קרעדיט: שמעון פיש



תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק פארברענגען געשמאק




א נייע צודעק פאר די בימה אין בית שמש



דף גמרא אין גן עדן התחתון אינעם טאג פון אן אייניקל'ס ברית

קרעדיט: שמעון פארטיגאל



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס
מיט מו"ה מענדל קאהן הי"ו



א שפאציר מיט די בחורים

קרעדיט: שמעון פיש





דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס אין מחנה אילן החיים

קרעדיט: שמעון פיש












## אנשי חיל קאמפיין

קרעדיט: יוסי פרערויא, נפתלי זאבעל, שמעון פארטוגאל, שמעי ווקס

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

מיר ווילן אייך פערזענליך איינלאדענען צו

# א רייכע דינער
# מעמד הכרת הטוב

וואס וועט פארקומען בעזהשי"ת

קומענדיגע יאר

## זונטאג פרשת שופטים
## ראש חודש אלול תשפ"ה

אינעם גיגאנטישן בנין קרן הדפסה
2623 Rt. 52 Liberty N.Y.

**חלוקת פרסים פאר אלע וואס האבן גענומען**
**א חלק אינעם קרן הדפסה שנת תשפ"ה**

מיר וועלן זוכה צו הערן דברי התחזקות פון
**דער ראש ישיבה שליט"א**

עס וועט זיין גאר א רייכע אינטעסאנטע פראגראם

מיין חלק
הפצה
קרן הדפסה קאמפיין תשפ"ה

*sruliHeskel